STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09819

HEYM UN HEYMLOZIKAYT

Rachel H. Korn

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל ה. קאָרן

הײם און הײמלאָזיקײט

די הכנסה פון דעם בוך איז באַשטימט פאַר דער

קולטור־הילף לטובת דער שארית־הפליטה.

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

39

רעדאקטאָר:

מארק טורקאָוו

פארלאגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

רחל ה. קאָרן

היים און היימלאָזיקייט

לידער

★

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1948

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Rachel H. Korn, Montreal

RACHEL H. KORN

HEIM UN HEIMLOZIKAIT

(VERSOS DEL HOGAR Y DESAMPARO)

Impreso en los Talleres Gráficos Julio
Kaufman, Corrientes 1976, Bs. Aires.

Buenos Aires, 1948

אינהאַלט:

זייט

דאָס בוך איז געווידמעט אַלע מיינע טויטע — — — — — — — — 9

היים

דער לעצטער פרילינג — — — — — — — — — — — — — 15
דער וועג — — — — — — — — — — — — — — — 17
פרימאָרגן אין דאָרף — — — — — — — — — — — — 19
רעגן — — — — — — — — — — — — — — — — 21
חשוון — — — — — — — — — — — — — — — — 23
ווינטער — — — — — — — — — — — — — — — 24
שבת אין מיין היים — — — — — — — — — — — — 26
בערלס קו — — — — — — — — — — — — — — — 27
נאָכן מארק — — — — — — — — — — — — — — 28
דער דאָרפסמאַן — — — — — — — — — — — — — 30
שכנות — — — — — — — — — — — — — — — — 32
פאַפּירענע רויזן — — — — — — — — — — — — — 34
לייווע — — — — — — — — — — — — — — — — 36
אַ שטוב אין חשוונדיקן ווינט — — — — — — — — 39
אין טאָג פון נייעם יאָר — — — — — — — — — — 41
דער היטער — — — — — — — — — — — — — — — 44
יאַנקלס חשוון — — — — — — — — — — — — — 47
שיפן — — — — — — — — — — — — — — — — 49
די אַלטע האַנקע — — — — — — — — — — — — — 52
ערשטער שניי — — — — — — — — — — — — — — 55
דער עלפטער לעפל — — — — — — — — — — — — 57

איוואַשיע דער שינדער — 60
די טאָכטער — 63
די דינסט — 66
ערד אונטער שניי — 69
וואַלד-גנבים — 71
אַ זון אַ גלח — 73
דער מאַמעס טרייסט — 76
מאַמע אין תפיסה — 79
אונדזער אַלטער יורקע — 82
פּאַסטעך אין געבערג — 86
קינדער אין פּאַרק — 88
אַ קויש מיט ציטרינען — 89
אַ סאָסנע-בוים — 91
רויטער מאַן — 93
מיין היים — 94
די שמאָלע סטעזשקע — 97

צוקאָפּנס פון וועגן

חלום — 103
ערב רעגן — 106
אָ, ערד — 112
פרילינג אין מיין היים — 116
בוזשלען אין וועג — 118
אויף חורבות — 123
דאָס לעצטע העמד — 125
מיין גוף — 126

ה י מ ל אָ ז י ק יי ט

מן הסתם — 131
אופימער ערד — 133
אין וועג — 136
ביים קוואַל — 138

אין קיביטקע	140
מיין מאַמע דאַוונט היינט	142
מיין מאַמעס טריט	143
נאַכט אין פערגאַנאַ	144
עס בליען איצט	146
סעפּטעמבער־נאַכט	147
אָוונט	148
פּאַמירער בערג	149
מיין שאָטן אין דער מדבר	151
מדבר	152
מזרח	155
ביים מדברס ראַנד	157
צוויי צוואות	162
אלול	165
דזשינגיס כאַן	167
ערב פרילינג אין אוזבעקיסטאַן	171
צום פּאַרטיזאַן	172
דער טייך	175
די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ	178
„עקזאָדוס 1947"	181
אויף אַלטע וועגן	183
צו מיין טאָכטער	185
איך בין שוין אַזוי צייטיק	187
מיין מאַמען	189
צו מיין מאַן	192
מיין ברודערס הענט	194
דער וועג	201
נקמה	203
זאָל זיי כאָטש איצט געגעבן זיין די שלווה און די רו	205
וועלכעס וואָרט	207
מיט וואָס	208
צו גאָט	209
צו וועמען האָט פּאַרטרויען אויפגעוועקטע שולד	211
ביי די טויערן פון די גאַז־קאַמערס	212

צעגלאַנאַ-גאַס — 213
צו דיר, ערד — 215
רחל — 217
כ'וויל צוגיין אַמאָל — 219
עס איז מיין פּנים שטרענג — 222
אויפן ראַנד פון נאַכט — 224
כ'האָב שוין פאַרגעסן — 226
אַז כ'האָב נישט — 227
אַז אַלע גלות-וועגן — 228
מען זאָל קענען וויינען — 229
די סאָווע — 230
ווען כ'וואָלט געהאַט — 232
איך בין שוין אַזוי אָרעם — 234
אַ קינד האָט געוויינט — 235
נאָנעס וואָס האָבן געראַטעוועט יידישע קינדער — 237
שפּעט-הארבסט — 239
אויף מיינע שיך — 240
מיין האָר — 242
האַרבסט — 243
פאַרצייכעניש פון פרעמדע ווערטער — 244
ביכער-רשימה — 246
פּרעסע שטימען — 248

דאָס בוך איז געווידמעט אַלע מיינע טויטע

ווען כ׳בין אין יאָר 1937 אַרוים פון תפיסה, ווו עס האָט מיך איינגעזעצט פוילישע פּאָליציי ערב ערשטן מאַי און געקומען צו פאָרן צו מיין מאַמען, פילנדיק זיך שטאָלץ, ווי עפּעס אַ „העלדין״ — האָב איך זי ממש נישט דערקענט. דאָס פּנים איינגעפאַלן, גרוי, די אויגן פאַרלאָשן.

„אונדזער מאַמע איז דאָך כמעט בלינד געוואָרן פון וויינען״, האָט מיר איינגערוימט אין אויער מיין ברודער העניעק.

ערשט אין אַ יאָר אַרום, ווען מיר זענען ביידע געשטאַנען אַנט־קעגן פּריש־צעבליטן סאָד, האָט מיר אַ זאָג געטון מיין מאַמע מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל: „ווייסט, יענעם פרילינג (זי האָט די תפיסה־צייט נישט געוואָלט אַפילו אָנרופן ביים נאָמען) בין איך קיין איין מאָל נישט געווען אין סאָד, און אַז איך זאָל נישט מוזן זען פון שטוב אַרוים די בליענדיקע ביימער, האָב איך פאַרהאַנגען אַלע פענצ־טער. איך ווייס דאָך ווי דו האָסט ליב די בליענדיקע ביימער און אַז דאָרט האָבן זיי דיר אַממייסטן געפעלט. און אַז מיין טאָכטער קען זיי נישט זען, ווייל איך זיי אויך נישט אָנקוקן.״

און מיין מאַמע האָט פונקט אַזוי ווי איך געבענקט אַ גאַנצן ווינטער צום פרילינג.

איצט ליגט זי מיט אַ דייטשישער קויל אין האַרץ צוזאַמען מיט איר שנור און איר זעקס־יאָריקן אייניקל ערגעץ אין אַ וואַלד נעבן

גרודעק יאַגעלאָנסקי און קיינער ווייסט אַפּילו נישט ווו ס׳געפינט זיך איר קבר.

איך שרייב די ווערטער אין חודש סיון. דער פּאַרשפּעקטיקטער צפונדיקער פרילינג וויאיעט אַריין דורכן אָפענעם פענצטער מיט ראָזלעך־ווייסן שיין פון צעבליטע עפּל־ביימער.

מיינע אויגן זענען טאַקע פאַרשטעלט דורך טרערן, אָבער די פענצטער זענען נישט פאַרהאַנגען.

איך האָב נישט גענוג כוח, אַזוי ווי מיין מאַמע, אָפּצוזאָגן זיך אינגאַנצן פון פרילינג, ווייל זי קען אים מער נישט זען.

אויך מיין ברודער העניעק, וואָס איז געצוואונגען געוואָרן פון די דייטשן צוצוקוקן, ווי מען מאָרדעט די מאַמען צוזאַמען מיט זיין ווייב און ייִנגערן זון און זיי געמוזט נאָך מיט די אייגענע הענט מקבר זיין, האָט אויך פאַרמאָגט אין זיך גענוג כוח אָפּצוזאָגן זיך פון אייגענעם לעבן. ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, וואָלט ער זיך געקענט ראַטעווען, אויסבאַהאַלטן זיך אויף אַרישע פּאַפּירן. צוליב זיין אויסזען וואָלט אַפילו דער געניטסטער ראַסן־קענער נישט געקענט אים קיינמאָל חושד זיין, אַז ער איז אַ ייד. אָבער אים האָט עס שוין פשוט נישט געלוינט צו קעמפן פאַר זיין אייגן לעבן, וואָס האָט נאָכן טויט פון זיינע נאָענטסטע אָנגעווירן פאַר אים יעדן ווערט.

ביי דער סעגרעגאַציע, ערב דעם אַרויספירן אין בעלזשעצער קרעמאַטאָריום, האָט אים אַן ס. ס.־מאַן אַרויסגענומען פון דער רייע. „איך קען אַליין נישט אַרוים — האָט ער אים געענטפערט — מיין זון איז דאָרט" און האָט זיך צוריק געשטעלט אויף זיין אָרט.

אין עטלעכע שעה אַרום איז אַן אַנדערער ס. ס.־מאַן צוגעקומען צו זיין 17יעריקן זון, וואָס האָט זיך פון אַלעמען אונטערשיידט מיט זיין שלאַנקן, הויכן וווקס און דעם וווּנדערלעך שיינעם פנים און אים געהייסן אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט, צו די אויסגעקליבענע צום לעבן.

„איך וויל דאָרט זיין, ווי מיין טאַטע", האָט געענטפערט שטאָלץ דאָס 17יעריקע ייִנגל און איז מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ צוריק אַריין אין די טויטנרייען.

בעתן מלחמה־אויסברוך בין איך צופעליק געווען אין לעמבערג ביי מיין טאַכטער, וואָס האָט דעמאָלט דאָרט שטודירט. פּשעמישל, ווו איך האָב געוווינט, איז תיכּף אין דער ערשטער נאַכט פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן און אַזוי אַרום בין איך אָפּגעשניטן געוואָרן פון מיין היים. מיין מאַן האָט זיך נישט געוואָלט אַליין אָן אונדז עוואַקואירן, הגם ער האָט געקענט אַוועק מיט דער רוסישער אַרמיי.

אַזוי ווי דער באַן־פּאַרקער איז געוואָרן אָפּגעשטעלט, איז ער געגאַנגען צופוס, נישט אַכטנדיק אויף קיין שום געפאַרן, איבער סאַמבער, סטרי קיין לעמבערג אונדז זוכן. ער האָט אונדז שוין נישט געטראָפן. איך בין שוין דעמאָלט מיט דער טאָכטער געווען אויפן וועג קיין רוסלאַנד.

דעם 3טן סעפּטעמבער 1943 האָט אים מיט זיינע צוויי ברידער אויסגעגעבן פון בונקער, ווו זיי זענען געלעגן באַהאַלטן, אַ פּאָליאַק, אַ שכן. וויפל האָט ער עס באַקומען פאַר זייערע לעבנס? צוויי ליטער נאַפט, צוויי פונט צוקער און אַ צענדלינק פּאַפּיראָסן? צי אפשר האָט ער עס געטון אומזיסט, צוליב „ספּאָרט”?

מיין יינגערער ברודער לייזער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי. אַ גריידינגער יינגל, וואָס איז געווען צוזאַמען מיט אים, האָט מיר דערציילט, אַז אָנהייב מלחמה איז ער נישט וויט פון לעמבערג אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט און דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט אַלס ייד.

פון אַ קריסטלעך מיידל ווידער האָב איך געהערט, אַז זי האָט אים געזען אין יאָר 1945 אַריינמאַרשירן מיט דער רויטער אַרמיי אין גרודעק יאַגעלאָנסקי. דערוויסנדיק זיך, אַז קיינער פון זיינע נאָענטסטע איז שוין מער נישטאָ, האָט ער איר געזאָגט, אַז שוין קיינמאָל אין לעבן וועט ער זיך נישט אומקערן אַהער, ווו זיינע טייערסטע זענען אומגעקומען.

צי האָט זי מיר אפשר געזאָגט דאָס אַלץ, כדי מיך צו טרייסטן, איבערלאָזן מיר אַ שיין פון האָפענונג? איך ווייס נישט ווען פון זיי ביידע איך זאָל גלויבן. נאָר מיין האַרץ וואַרט נאָך אַלץ אויף זיין קומען.

איך בין געבליבן לעבן, און קום זיך פאַר אַליין, ווי אַ דעזערטי־
רער, אַ דעזערטירער פון טויט.

איך זוך און וויל געפינען עפּעס אַ באַרעכטיקונג פאַר מיין גע־
בליבענעם לעבן. זאָל עס זיין דאָס, וואָס כ'האָב אָפּגעראַטעוועט פון
אַ זיכערן טויט די טאָכטער, די איינציקע אַחוץ מיר פון אונדזער
גאַנצער משפחה?

זאָל עס זיין דאָס, וואָס כ'פּרוּוו אָפּצוראַטעווען כאָטש זייערע
נעמען פון אייביקער פאַרגעסנקייט און שטעל זיי, די קברלאָזע, אַ
מצבה צווישן די טאָוולען פון דעם בוך?

זאָל געהייליקט ווערן דער אָנדענק:

פון מיין מאַמען חנה פּאַסט־העערינג, אומגעקומען דעם 30־VII 1942,

מיין ברודער הערש העערינג, געב. 5־XI־1902, אַרויסגעפירט צום פאַרברענען דעם 15־VIII 1942,

זיין פרוי יאַכעט, איר מיידל־נאָמען ליכט, דערמאָרדעט דעם 30־VII 1942,

זיינע זין: וואָלף, געב. סוכות 1925, אַרויסגעפירט 15־VIII 1942; ערווין, געב. 1936, דערמאָרדעט 30־VII 1942,

מיין ברודער לייזער, געב. 24־IX 1908, דערמאָרדעט יולי 1941,

מיין מאַן הערש קאָרן, געב. 11־XI 1895, אַרויסגעפירט אין קרעמאַטאָריום דעם 3־IX 1943,

די עלטערן פון מיין מאַן:

משה און עלקע קאָרן,

די שוועסטערן:

גיטל מיט איר מאַן יעקב בירקען און זייער זון דוד; צביה מיט איר מאַן חנינה גליקסמאַן און ביידע קינדער לודקאַ און טוסיעק,

די ברידער:

בנימין,

לייב מיט זיין פרוי גיזאַ ראַפּאַפּאָרט.

אַלע דערמאָרדעט פון די דייטשן.

אויגוסט 1948.

רחל ה. קאָרן.

קיים

1939—1928

דער לעצטער פרילינג

כ׳געדענק, ווי היינט:
עס האָבן גראָד געבליט אין סאָד די עפּל-ביימער,
מיט ראָזאַ-בלאַסע ליפּאַלעך פון בליטן
געקושט דעם האָניק-שווערן טאָג,
און ס׳זענען קליינע בלעטאַלעך געפאַלן,
ווי שניי צעשמעקטער, פרילינגדיקער
אויף מיין פאָטערס מידן, קאַלטן שטערן.

און אַז כ׳בין דעמאָלט גראָד געלאָפן צווישן ביימער,
ווילד און גליקלעך מיט דעם פרילינג און מיט מיינע עלעף יאָר,
האָט מיין פאָטער אָפּגעווענדט דאָס פּנים אָן אַ זייט —
נאָר כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען,
אַז ער האָט געוויינט.

און ווען זיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיטן וויין פון דעם צע-
בליטן טאָג
און ליידיק פון דעם אויסגעקייכטן בלוט די לונג,
האָט ער געלאָזט פון דאָרף צוויי עדות רופן,
זיין שוואָגער און אַן אַלטן גראָען גוי, אַ שכן,

אָנגעגרייט צום שרייבן טינט, פּאַפּיר,
פאַרשלאָסן זיך מיט זיי אין אַ באַזונדער צימער
און קיינעם נישט אַריינגעלאָזט, אַפילו נישט די מאַמען —
נאָר דעמאָלט האָב איך נישט געוווסט,
אַז ס'האָט זיין שלאַנקע, יונגע האַנט
געשריבן די צוואה.

דער וועג

אַ, כאַטעס קליינע, אויסגעזועצטע אָרום ברעגעס פון דער ריקע,
ס׳טרעט אַפּ דער געלער וועג ביי אייך בלויז אויף אַ ווײַלע,
גיט אַ קוק אַרונטער אונטער היטלעך שטרויענע פון דעכער,
און פּאַליעוועט זיך צו דער הונגעריקער שטאָט צו
מיט רוקן און מיט בויך
אַראָפּ,
אַרויף,
ווי ס׳קריכן וועסנע צייט אויף ביימער גרינע רויפּן.

עס קומען אים אַקעגן קליינע פּאַרשטאָט-הײַזלעך,
ווי בייכיק-נידעריקע זיצערקעס פון מאַרק,
ליידיקן אוים די פּויערישע קויבערס פון פּוטער און אייער.
ס׳צעשפּילן זיך די וואָגן אויף די ברוינע טישן
מיט קנאה און מיט פרייד פון אַ פּאַרדינטן גראָשן,
און זייערע צינגלעך שפּרינגען איינס צום צווייטן
ווי קאַמף-צעהיצטע, בלוט-צעפלאַמטע הענער.

עס קלינגען קענדאַלעך אויף דאַרע וועגאַלעך פון מילעכיקערס,
ווען ס׳גיט אַ טרייסל מיט די פליסיקע געדערים אומגעריכט אַ גרודע

און פּייכטע בלישטשען זיי אין שײַן פון יונגן טאָג
און נעמען מיט מיט זיך דעם שאָטן פון דעם לעצטן בוים,
ווי אַ שטילן, קינדערישן טרוים.

און דער וועג לויפט ווייטער, ווייטער, ביז ער ווערט דערשטיקט
אין שטיינערנע אַבראַזשעס פון געסלעך ענגע, בלינדע.

פרימאָרגן אין דאָרף

ס'באַהאַלט דער סאָד דעם טיפן סוד פון נאַכט
אין שאָטן־לײַלעכער פון ערשטער מאָרגן־גראָקײט,
ווי ס'וואָלט אַ מאַמע דריקן צו דער ברוסט דאָס גוסטדיקע קינד
און זיך ביים טויט געבעטן:
— „נאָך צוויי מינוט, נאָך איין מינוט — אַ רגע...״

עס שפּרינגען שוין די ערשטע, רויזן־רויטע שטראַלן זון,
ווי וועווערקעס פון בוים צו בוים, פון צווייג צו צווייג,
אַלץ נידעריקער צו דער ערד, אַלץ נידעריקער,
און טרינקען צו דער זעט איר קילן טוי.

די גראָע פעדערפעכערס רויך אויף דעכער שטרויענע פון כאַטעס
גיבן שוין צו וויסן דעם בלאָעם, פרילינגדיקן טאָג,
אַז ס'האָט די צייט פאַראַקערט נאָך איין נאַכט
און גייט אַרויס אַנטקעגן זון מיט אירע אַקעראייזנס
אויף ברייטע פעלדער פון דעם נייעם טאָג.

ס'באַווייזט זיך פלוצים אויף אַ שוועל אַ יונגע שיקסע,
שטרעקט אויס אַנטקעגן טאָג איר נאַכטיש־אויסגעוואַרעמט לייב,

און קוקט זיך אום, צי ס'קומט נישט אָן מיט זיינע גניאַדע פערד
דעם שכנס זון —
טוט אָן אויף אירע ווייכע אַקסלען האַרטע קאַראַמעסלעס
און גייט דעם ערשטן, פרומען גאַנג צום ברונעם.

די קאַנען טאַנצן, הוידען זיך פון ביידע זייטן
צום טאַקט פון אירע זינגענדיקע שריט
און לאַשטשען זיך דורך דינעם לייוונט-קליידל צו די פיס.
און אַז זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף לאַנגער רוט אין ברונעם
און שעפּן דורשטיק מיט די נאַכט-פאַרשמאַכטע מיילער
פון מאָך-באַוואַקס'נעם דנאָ דעם קילן מאָרגן-טראַנק,
לאַכט ווער'ס פון טיפעניש צו זיי מיט אַ פאַרשטיקטן קול:
„בול, בול"
און רוימט זיי סודות איין,
פון וועלכע ס'טרוימען שוין אַ גאַנצן טאָג די קאַנען
אין זייער שפּינוועב-אויסגעבעטן ווינקל ביי דער טיר.

רעגן

ווי די פֿאַרזעס'נע מיידלעך, שטייען איבערצייטיק־פּולע לאָנעס
און וואַרטן אויף די זינגענדיקע מחותנים,
וואָס זענען אַלץ נאָך נישט געקומען,
אויפגעהאַלטן מיט די שלאַבאַנעס פון כמאַרנע רעגן־טעג.

קוקן פעלדער מיט פאַרשעמטע קאַנקאַל־אויגן אינעם זומערדיקן הימל,
וואָס האָט זיך אָנגעטון אויף בלאָעס, יונגן קאָפּ
אַ גראָע עלטער־באָבע־קופּקע,
און האַלט די זון אונטער דעם בריטן פאַרטעך פון די כמאַרעס.

אין קאַמער הענגען קאַסעס בלישטשענדיק און גרייט,
און סערפּן שאַרפן אָן די קליינע מייזן־ציינדלעך
מיט דער בענקשאַפט צו דער ערשטער זשמעניע תבואה —

גייט איעדן טאָג אין פעלד דער באַלעבאָס,
פּרוווט מיט ציין די האַרטקייט פון די יונגע קערנער,
לאָזט די אויגן אויף דער פּאַשע אין דער מזרח זייט פון הימל
נאָך אַ ביסל זון.

און די קינדער, וואָס פילן שוין דעם טעם פון ביטער, טוכלע ברויט
לויפן נאָך דעם טאַטן מיט די שעפּסאַלעך פון אויגן
און פרעגן שטיל, פאַרדאגהט:
„נאָך אַלץ נישטאָ?"
„נישטאָ!"

חשוון

די פרישע, שוואַרצע סקיבעס ערד
ליגן הכנעהדיק און מיד אַנטקעגן אָסיענדיקער זון,
ווי די געווינערינס אין זייער ערשטער קימפּעט,
וואָס שמייכלען שטיל אַפּער פון זייער ווייטיק
און זענען גרייט שוין נאָך אַמאָל צו ווערן מאַמעס.

עס זענען זיך צונויפגעקומען ווראָנעס צו דער שמחה,
שפּאַצירן מיט געציילטע, טענצלדיקע שריט,
זוכן מיט שוואַרצע, קלוגע אויגן די אויסגעגראָב'נע ווערים
און שאָקלען מיט די קעפּ, ווי אַלטע מומעס
בשעתן קייען שטיקלעך לעקעך מיט די בלאָע יאַסלעס:
„נישקשה, ס'איז דער ווייטיק, ווי די ווייסע ראָסע,
און באַלד וועסטו דערלעבן נחת, באַלד,
נאָך איידער ס'וועלן שוואַלבן מיט די שאַרפע עקן
אָפּשערן די ערשטע וואָל פון פרילינגדיקן הימל".

ווינטער

דער ווינטער האָט געגעבן שלום מיט זיין האַנט דער ערד,
געקומען, דאַכט זיך, אויף אַ קורצער צייט צו גאַסט,
געקאָרטשעט אין די ראָוועס זיינע ברייט-צעוואַקס׳נע גלידער,
גענעכטיקט אין פאַרבאָרג׳נע, טיפע טאָלן,
זיך עפּעס ווי געשעמט מיט זיינע גראָבע שטיוול
פאַר קרענקלעך-בלאַסן, וויסנדיקן שמייכל פון דער זון.

נאָר אַז די זון האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אַ שווערער
כמאַרע
און מער נישט נאָכגעקוקט אויף שריט און טריט,
איז ער געוואָרן שוין דער גאַנצער באַלעבאָס —
געברענגט זיין בעטגעוואַנט פון ווייסן, ווייכן פוך,
געדעקט מיט קלאָרע טישטעכער די פעלדער
און אויסגעקוקט איעדן טאָג די געסט,
וואָס זענען פון דער צפון-זייט געגאַנגען און געגאַנגען.

דערווייל האָט ער זיך רייטנדיק אַרויפגעזעצט אַ פויער אויף
דער פּלייצע,
געלאָזט פון אים זיך טראָגן אין דעם נאָענטן וואַלד
און אים געהאָלפן גנבענען דאָס האָלץ.

נאָר דאַן דעם קעלט-פאַרשטאַרטן פויער אין די ציין געבלאָזן,
אַזוי „רחמנותדיק" זיך צוגעבויגן צו זיין פּאַזוכע, דער דאַרער,
ביז ס'איז דאָס פויערל קוים לעבעדיק פון אים אַנטלאָפן.

אַ ביסל שפּעטער, מיט דער נאַכט צוגלייך
באַגלייט אַ ייד,
וואָס גייט מיט קויבערס און מיט זעקלעך
איבער די טרויעריקע, שניי-פאַרזייעטע דערפער.
עקשנותדיק אַריינגעקוקט אין יידס פאַרטרערטע אויגן
אונטער דעם גרויסן, שוואַרצן פוטערהיטל,
און דווקא אין דעם דאָרפסגייער געוואָלט דערקענען אליהו-הנביאן.

שבת אין מיין היים

ס׳קומט דער שבת אין מיין היימדאָרף פרעמד און נישט געבעטן,
עס גייט אים בלויז אָקעגן דאָס טאָרקען פון דער מאָגלאָווניצע
אין דער גויעס הענט
ביים צוגרייטן אַ לניאַנע העמד אויף זונטיק.

ס׳זינגען זשאַווראָנקעס גראָע פון די שטיינער
איבער שאַרפע, אויסגעשפּיצטע קאָסעס
דאָס ליד פון זעקסטן אַרבעטס־טאָג.

אַנטלויפט דער רו־טאָג אַ פאַרשעמטער,
טוליעט זיך אין פאַלבן פרומקייט פון מיין מאַמען —
צוימט אים אָפּ ביי זיך אַ שטיקל פלאָץ די מאַמע,
ווי ווייט עס גרייכט איר דאַוונענדיקער ניגון:
פון פענצטער ביז צום עק פון סטאָדאָלע
און פון דער טיר צום אַלטן עפּלבוים אין סאָד.

און שרה, רבקה, לאה, רחל קומען פון דער תחינה
„גוט שבת" ביטן אין זיין ליבנס נאָמען
דעם סאָד, דער תבואה און די לאָנקעס גרינע
און די שטיקער אוגער, שטייניק, זון־פאַרברענט,
פון מענטש פאַרלאָזט, פון גאָט עקרהדיק פאַרשעמט.

בערלס קו

זינט ער האָט פאַרקויפט די אַלטע „ליסע" מיט דעם איינעם האָרן
און דאָס געלט איז זיך צעקראָכן אין די הענט, ווי שפּינוועבס,
איז שוין דער פּלאַץ אין שטעלעכל געבליבן ליידיק,
ווי דאָס לאָך אין יאַסלע נאָך אַ צאָן,
און די קייט ביים זשלויב פאַרזשאַווערט-געל און קאַלט —
און בערלס קינדער האָבן שוין דעם גאַנצן ווינטער
אין שטוב קיין לעפל מילעך נישט געזען.

און ווען עס מעלקט די שכנטע איר קו,
שטעלן בערלס קינדער זי אַרום, ווי הינדאַלעך אַ קוואָקע —
שפּילט אויף סטרונעס וואַרעמע און ווייסע
דער בליק פון צען פּאָר זשעדנע אויגן.

ס'גייט בערל יעדן מאָנטיק אויפן מאַרק אין שטאָט,
דינגט, באַטאַפּט און ציילט פון ציין אַראָפּ די יאָרן פון די קי,
נאָר תמיד, אַז עס קומט צום צאָלן קויפט זי אויס אַן אַנד'רער,
און בערל טראָגט פון מאַרק אַ היים:
אַ באַנקע נאַפט, אַ קילע גרויפּן און אַ טויפּן זאַלץ.

נאָכן מאַרק

ס'איז געוואָרן פּלוצים פול די שטוב
מיט שניי, וואָס קאַפּעט פון דער באָרד און וואָנסע,
מיט שטיוול, וואָס סקריפּען אוים די האַרטע ר־ר־ריישם פון פראָסט
און מיט דער שטילער דאגה, צוגעטשאַיעט אונטער ברעמען.

ס'האָט צוגערוקט דאָס ווייב צום טיש די שיסל,
און ס'האָט איר בליק געחשבונט מענדלס קנייטשן,
געוואָלט דערגיין פון זייער צאָל,
וויפל גילדנס וועלן וואַרעמען די וואָך מיט האָלץ און ברויט —
נאָר אירע ליפּן האָבן בלויז פאַרשעמט געבעטן:
„עס, מיין מאַן, אַוועקגעגאַנגען ניכטער פון דער היים".

דער אויוון האָט אַפּירגערוקט זיין ברייטע, טרייע פּלייצע,
געמרוטשעט מיט זיין וואַרעמקייט צו מענדלען, ווי אַ פוילע קאַץ —
נאָר היינט האָט מענדל נישט אַרויפגעלייגט אויף אים דאָס
בינטל דורכגעפרויר'נע ביינער
און נישט געגעבן נאָכצוציילן ס'קניפּיקל דעם ווייב.
עס האָבן בלויז געטון אַ גראַגער בייזע, הייזעריקע ווערטער:
„געווען אַ מאַרקטאָג היינט, אויף אַלע שונאים",

און ס׳האָט אַ שטאָך געטון די נאָל פון בליק די טאָכטער.
האָט זי אַראָפּגעשטעלט פון קני די רעשעטע מיט פעדערן געפּליקטע
און אירע אויגן האָבן זיך אַ שטעל געטון אַנטקעגן פאָטער, ווי
צוויי יונגע הענער:
„זאָג, טאַטע, ווזשע האָסטו ׳הינגעטון מיין שאַיען?״

גיט אַ פלאַם דעם פאָטערס פנים מיט צאָרן און בושה:
„ערגעץ איז ער דאָרט געבליבן אויפן וועג, דיין מאַן,
זאָל ער זען, אַז כ׳האָב נאָך כוח אין מיינע אַלטע ביינער,
און כ׳על מיר נישט לאָזן צונעמען פון אים דאָס שטיקל ברויט״.
און פון זיינע ווערטער ווערט נאָך קלענער ס׳דאָרע, קליינע ווייב:
„כ׳האָב נישט געזאָגט, אַז ליבערשט זאָל דאָס מיידל זיצן ביזן
גראָען צאָפּ?
ע ר האָט מיר דאָך ביים פריץ אויסגעקויפט דאָס קעלבל!״

דער דאָרפסמאַן

ווען דאַוונט דען, מעשטיינס געזאָגט, דער דאָרפסמאַן, ווי אַ ייד?
עס גייען אויף דער פּאַשע פון די האַלב-צעפּליקטע, אַלטע סידורלעך
מחשבות, ווי די הונגעריקע קי,
און צעקייען יעדעס אות אויף סיעטשקע.
אַט זיצן אין דער היים צווייי כלה-מיידלעך אַן אַ נדן,
און יינגלעך מוז מען לאָזן לערנען נאָך אַ זמן, אַ צוויי,
זיי זאָלן כאָטשע קענען קדיש זאָגן נאָכן טאַטן —
און שאַיע האָט באַקומען נ׳שענק און די טראַפּיק,
בלויז פּאַר פינעף פינגער אָפּגעשאָסענע אין קריג.

וויקלען איין רציעות מעכלם הענט, ווי לייצן,
שפּאַנען אים אין וואָגן פון אַן אַרבעטס-טאָג, אַ שווערן,
און ווען די אויסגעצוואָג׳נע, זיידן-ווייכע בערד אין שטאָט
טראָגן אין דער קלויז די וואַרעמקייט פון בעט
און דעם פרישן ריח פון אַ ווייס געבעקס,
האַנדלט מעכל שוין אין דריטן, פערטן דאָרף.

און שבת, אַז מען קומט צום מנין אין דער אַלטער קרעטשמע,
די תפילה-ווערטער קלאַפּן אין די זון-צעהיצטע שויבן

צוגלייך מיט זשומענדיקע, בלאָע, פּעטע פליגן,
קומט דעמאָלט שאַיען אוים צו רעדן וועגן זיינע סעדער,
און ס׳באַרימט זיך זישע „סמערט" מיט די שידוכים פאַר זיין
טאָכטער באַלטשע —
און חיים גוי זאָגט הויך, אַז יעדער זאָל אים הערן:
„זינט ס׳האָט מיט מעכלען אויפגעהערט מיין שותפות
קויף איך יעדעם שטיק בהמה מיט אַ צענער ריוח".

פאַלט צווישן זיי דער האַרטער קלאַפּ פון מעכלס האַנט:
„שטיל זאָל זיין, עס קען אַ ייד נישט דאַווענען כאָטש איין מאָל
אין דער וואָך!"

לויפט אַרום דאָס לאַכן פון איינעם צום צווייטן,
ווי אַ האָן אַרויסגעלאָזט פון שטייג,
און שאַיעם יונגען סודען זיך מכלומרשט,
נאָר מעכלען גיט איעדעם וואָרט אַ שטאָך, ווי מיט אַ נאָל:
„זע נאָר, ווי ער בילט אַריין אין טלית, ווי אַ הונט, אַן אַלטער
אין זיין בודע —
נישט אַזוי האָט מעכל מיט אַ פינעף יאָר צוריק גערעדט,
ווען ס׳האָט דער כוח געשפּילט מיט בלוט אויף זיינע באַקן,
און ווען ער האָט פאַר מינדסטן וואָרט, וואָס האָט אים נישט געפּאַסט,
אויסגעריסן בערד און אויסגעהאַקט די ציין
און דווקא דאָ ביים דאַווענען און גראָד אין מאַמע שבת".

שכנות

עס האָט זיך דורכגעקעמט דער סאַד זיין גרינעם, פולן קאָפּ
אויף העלפטן צוויי,
מיט אַ שרינט אינמיטן פון אַ געלער, שמאָלער סטעזשקע.
טאָג-טעגלעך גלעטן אוים דעם שרינט
רויטע, געלע, שוואַרצע קאַמען פון נישט געציילטע פים —

ס׳איז דאָך פון מאַטיעס שטוב צו סענדערס טיר
נישט מער ווי פערציק, פופציק שריט.
עס קומען מאַטיעס גענדז אויף סענדערס פּאַדווירע,
און סענדערס האָן לויפט אונטער ביז צו מאַטיעס הויז
און קלויבט זיך אוים די שענצטע, די טשובאַטע הון.

און טיילמאָל, אין אַן אָוונט נאָך דער ארבעט
קומען זיך צונויף די באַלעבאַטים
און באַזעצן די שוועלן ווי מאַראַוויעס שוואַרצע.
עס מאַכן פול די לופט מיט זייער האַרטן קלאַנג
די שווערע כרישטשעס פון די ווערטער:
„מען קאַסעט שוין דעם צווייטן קלעע
און ס׳איז נאָך נישט באַנייט פון סטאָדאָלע דער דאַך״

„דאַכט זעך, אַז כ׳האָב געזען פון אייך אַרויסגיין זאַוול שדכן?״
„ווער האָרכט דען היינט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען?״
„שווערע צייטן — און די בולבעס פוילן אינעם פעלד,
ס׳עט זיין אַ ביטער יאָר״.

נאָר ווען ס׳האָט אויסגעקריצט זיין זשאַווערדיקע וואָרעניש
דער ריגל
צו פרעמדע, נישט געבעט׳נע שריט,
הערט זיך בלויז דאָס טאָפּטשען פון די הינט,
וואָס וויקלען מיט אַ קראַנץ פון וואַכעדיקע טריט
אַרום די שעפּסאַלעך פון שייער, הויז און שטאַל.

עס טרינקען אוים די ליפּן פון דער פינצטערקייט
אַ ל ע סטעזשקעס ווייסע,
און ס׳איז דער סאָד ביינאַכט, ווי אַלטער, טונקלער וואַלד,
בלויז די שלעפעריקע עפּל פאַלן צו דער ערד, ווי שטערן
און שניידן אוים פאַר אויערן אָפענע דעם וועג.

...און סענדערס זון היט נאַכט, ביי נאַכט דאָס אויבס אין
טונקלעם סאָד...
גיט אין מאָטיעס הויז אַ זיפּץ אַ שטיל געעפנט פענצטער,
און ביים בלאַסן ליכט פון דער לבנה
צינדט זיך אָן דער לייכטער פון אַ בלאָנדן מיידל־קאָפּ,
און ס׳צעשיטן זיך די פּאַציערקעס פון טריט אין גרינעם, ווייכן
גראָז —
לויפט זיי נאָך און ס׳קלויבט זיי אַ פאַרשלאָפן, טרויריק מאַמע־קול:
„כאַנטשע, ווזשע ביסטו — — — כאַנטשע, רוף דיך אָן!...״

פּאַפּירענע רויזן

עס זענען אַלט געוואָרן פון אַרבעט און פון יאָרן לאָזערס הענט,
נאָר יונג די אויגן און די בריסטן פון זיין צווייטן ווייב,
און ס'פלעגן די פּאַפּיר'נע רויזן אויפן פענצטער
דערציילן יעדן דורכגייער דערפון.
עס האָט די טונקלע סטאָדאָלע געשוויגן
פון ווילדע ליבע-נעכט און הייסע פרויען-טרערן,
און פון צוויי מענערישע שורות ציין,
וואָס האָבן אויסגעקריצט אין פינצטערקייט די גרויסע שנאה:
„נו, וואַרף אַוועק דעם אַלטן שוין אַמאָל!"
נאָר לאָזער האָט פאַרוויגט דעם אמת, ווי אַ קליין, דערשראָקן קינד,
ווען ר'האָט אין מיטן נאַכט אַקעגנאיבער
דערזען אַ ליידיק בעט:
— זי אַרבעט ווייניק, קען זי אויך דערפאַר ביינאַכט נישט שלאָפן —

נאָר איין מאָל, אַ פאַרנאַכט, אַ שטילן,
ווען ס'איז דער ווינטערדיקער אומעט
געפאַלן אויף די קעפּ פון ביימער און פון הייזער,
האָט ער צעעפנט זיינע שווערע הענט,
ווי ער וואָלט אַרויסגעלאָזט פון זיי אויף אייביק

די אויסגעהאָרעוועטע פינעף יאָך און ס'נייע, שיינע הויז,
און מיט איעדן וואָרט, ווי מיט אַ פּלוג
צעאַקערט נייע סקיבעס אינעם פעלד פון ווייטיק:
„באַרעכן, דבורה, עך בין אַלט און וועל שוין לאַנג נישט לעבן,
נאָר זאָלן מיינע אויגן כאָטש אויף דעם נישט קוקן,
און עך שעם מעך פאַר די קינדער מיינע, כ'שעם מעך, דבורה".

האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין יאָך פון שווערע טעג
און איינזאַמע נעכט
צוואַנציק יונגע, טרויעריקע יאָרן פון אַ פרוי,
און נאָר די רויט-פאַפיר'נע רויזן האָבן נאָך געשמייכלט
פונעם פענצטער
צו יעדן דורכגייער מיט זייער שטילן סוד.

לייווע

און קיינער ווייסט נישט, ווו ס'איז 'הינגעקומען לייווע, דער משוגענער,
וואָס האָט געבונדן אין אַ שלייף די וועגן
פון יאַווערעוו ביז מאַשציסק,
פון סאַמבער ביז קיין גריידינג,
טראַגנדיק אין בוזעם-קעשענע די בריוו
צו זיין פעטערס יינגסטער טאָכטער ריווטשע.

עס האָבן אים געקענט שוין אַלע הייזער אין די דערפער,
עס האָט דער גראָער וועג זיין לאַנגן, אויסגעשפּיצטן שאָטן אויפגענומען,
ווי אַ פערד זיין אַלטן רייטער,
און ס'זענען שטיל די הינט געלעגן אין די בודעס,
ווען ס'האָט דער גוט באַקאַנטער ריח פון לייווס שוואַרצער בעקעשע
גערעדט צו זייער הינטיש האַרץ.

עס האָבן זיך געפרייט מיט אים די גויעס אינעם פעלד,
איינגעבראָכענע, ווי סנאָפּעס אין דער מיטן,
און מיט אַ לאַכן, וואָס שמעקט מיט גוטסקייט, ווי ראַזעווע ברויט

האָבן זיי געפֿרעגט ביי אים:
— לייווע, דו האָסט דאָך נישט קיין טאַטן, נישט קיין מאַמען,
פּאַרוואָסזשע נעמסטו נישט קיין ווייב, ווי אַלע „דיינע",
זי זאָל דיר אויסוואַשן אַ העמד און אָפּקאָכן אַ לעפּל וואַרעמס? —

ס׳קוקט לייווע אויף דער גויעס רויע, אויפֿגעשפּרונגענע פֿיס
און אַקערט דורך דאָס ברוינע פֿעלד פֿון אָפּגעבּרענטן שטערן
מיטן וויימיק פֿון אַ שאַרפֿן און נאָענטן געדאַנק:
— ווייל ס׳האָט מיין פֿעטער נישט געוואָלט מיר געבן
זיין טאָכטער פֿאַר אַ ווייב,
גיי איך אַרום און טראָג מיין האַרץ מיט זיך,
ווי אַ קאַץ, אַן איינגעבּינענע אין זאַק,
און וויל עס ערגעץ איבּערלאָזן,
עס זאָל נישט טרעפֿן מער דעם וועג צו מיר —

און נעמט אַרויס פֿון בּוזעם־קעשענע אַ קוויטיק שטיק פּאַפּיר
און לייענט דער גויע אויף אַ קול אַ דייטשן בּריוו:
„אַן ליבּכען!" — —
און אין דעם טונקלען מאָך אַרום די ליפּן זיינע
צעבּליט זיך ווי אַ רויטע יאַגעדע
אַ טרויעריק, משוגע שמייכאַלע.

נאָר נאָך איינעם, אַזאַ לאַנגן, שווערן ווינטער
וואָס אַ צווייטן האָבן נישט געדענקט די עלטסטע לייט,
האָבן לייווען אויסגעקוקט אומזיסט
די קליינע, קאַפּרעוואַטע אייגאַלעך פֿון שויבּן,
און ס׳האָבן זייערע קעפּ אַראָפּגעלאָזט צו דר׳ערד די הינט,

ניאָכענדיק צו אַלע שליאַדעם אויפן וועג —
טאָמער איז ער דאָ אַרום געגאַנגען.

נאָר קיינער ווייסט ביז היינט נישט, ווו ס'איז 'הינגעקומען
לייווע, דער משוגענער —
אפשר האָבן אים אין וואַלד די הונגעריקע וועלף צעריסן,
און אפשר האָט די מאַמע, וואָס האָט זיך אויפגעהאָנגען יונגערהייט
זיך פאַרבענקט נאָך אים —
האָט זי דעם זון פון טונקלעם בוידעם אויף דער אַלטער שטוב
דערלאַנגט איר איידל-שמאָלע, ווייסע האַנט.

אַ שטוב אין חשוונדיקן ווינט

צווישן פעלדער נאַקעטע און ברוינע
איז דער וועג געלאָפן, ווי אַ וואָלף מיט אויסגעשלאַנקטן לייב
און געכלעפּטשעט מיט זיין שמאָלער צונג
דאָס בלוט צעגאָסענע פון אָסיענדיקער זון,
וואָס האָט געוואָראַזשעט אויף רעגן און שטורעם.
און פינעף שמאָלע, קליינע בייטלעך,
ווי דאַרע פינגער פון אַ בעטלערישער האַנט
האָבן אַרומגענומען שטאַרקער יונהס שטיבל,
כדי ס'זאָל נישט אַנטלויפן מיטן ווינט.

עס איז ביים פענצטער פון איר טאַטנס שטוב
געלעגן יונהס בלאָנדע טאָכטער דבורה,
באַהאַלטן אין די גרויסע, אומעטיקע אויגן
דאָס גאַנצע דורשטיק־אומרואיקע לעבן,
וואָס איז פון אירע צוויי געלעמטע, יונגע פיס אַנטלאָפן.

דורך דעם וואַלד, דעם שיטערן, אויסגעקראַכ'נעם
זענען צוגעקומען נענטער צו איר פענצטער
די קליינע, נאַקעטיקע בערגלעך,
ווי ברוינע סאַרנעס אין דער צייט פון הונגער.

האָבן זיי געפּיטערט דבורהס בלאָע אויגן
מיט שטילער, מיט צערטלעכער ליבע,
ביז ס'האָט זיי נישט פאַרציקט דער פריער בין־השמשות,
וואָס האָט געלויערט אויפן ראַנד פון חשוונדיקן טאָג.

און אז עס פלעגט אין לאַנגע און אין טונקלע נעכט
דער קליינער נאַפט־לאָמפּ מיט אַ בינטל שטראַלן
אויסקערן דעם אומעט פון דער שטוב,
פלעגט דבורה שרייבן מיט איר געלער, אויסגעדאַרטער האַנט
ליבעס־בריוו פאַר יונגע מיידלעך פונעם דאָרף.
און אירע מחשבות זענען געגאַנגען דעם פרעמדן סוד אַנטקעגן
מיטן וועג, וואָס איז געלאָפן, ווי אַ גראָער וואָלף
צווישן פעלדער נאַקעטע און ברוינע,
און האָבן זיך אומגעקערט דאַן
פון דער שוועל צו אַ פרעמדן גליק
צו איר אייג'נער, אומעטיקער נאַכט,
וואָס קומט ווי שטענדיק שווער און לאַנג און שלאָפלאָז
און רעדט —
און רעדט צו איר מיט ווערטער קאַלטע פונעם וואָיענדיקן ווינט
דורך די לעכער פון דער אַלטער שטוב.

אין טאָג פון נייעם יאָר

ס׳האָבן זיך צוגעזעצט צו ווייסע גרודעס שניי
די קליינע שטיבאַלעך פון דאָרף,
ווי הינער, וואָס וואַרעמען די נעסט מיט אייג׳נעם לייב
און שפּרייטן אויס הכנעהדיק די פליגלען
פאַר דעם שטאָלצן האָן פון דער גוראַלניע,
וואָס קוקט אַראָפּ אויף זייערע האַלב-צעפוילטע דעכער
און הויבט נאָך העכער צו דער זון דעם אָנגעשוואָלן-רויטן קאַם
פון קוימען —

דער ברייטער טויער גיט אַ הייזעריקן סקריפּ,
ווען ר׳לאָזט אַרויס פון הויף דעם שליטן
מיט דעם גוראַלניקס גאַנצער באַלעבאַטישקייט —
דער בייכיקער קאָמאָד שפּאַרט זיך אָן אָן דאַרע ריפּן פון די בעטן.
ס׳מרוזשעט פאַר דעם זוניק-ווייסן טאָג
דאָס איינציקע, פאַרגעלטע אויג דער שפּיגל.
אויף אַ סטאַרטשענדיקן פוס פון באַנק
באָמבלט זיך אַ סאַמעטענער תפילין-זאַק
און ווי נאַקעטיקע קינדער אויף אַ פּראָסט
שטייען די פּוקסיעס אין אַ קויש מיט בולבעס

און בלוטיקן מיט וווּנדן אָפֿענע פֿון זייערע בליטן.
און ס'בלייבט דאָס טויער, ווי אַן אַלט פֿאַרחידושט מויל,
און קייט מיט די אָנציינערדיקע יאַסלעס
די דערמאָנונג
פֿון יאַנציע, דעם גוראַלניקס קיילעכדיקע צוואַנציק אַרבעטס-יאָר,
וואָס האָבן זיך געלייגט אַליין, ווי שעפּסן
אונטער דעם פּריצס מעסער-שאַרפֿע ווערטער:
„ביסט שוין צו אַלט פֿאַר מיר".

דער שליטן בינדט מיט בלאָע וויקלשנורן פֿון די שפּורן
די ווייסע ווינדאַלעך פֿון שניי
אַרום דעם שלאָפֿנדיקן וועג,
און נאָר דאָס כליפּען פֿון גוראַלניקס ווייב,
וואָס ווערט מיט טרערן צוגעפֿרוירן צו דער שוואַרצער שאַל
יאָגט אונטער ס'מידע, הינקענדיקע פֿערד.

פּלוצים גיט אַ קלונג אַקעגן הפֿקרדיק די קייט
פֿון אַ צווייטן שליטן —
ס'שלעפּט זיך אַ פֿאַראָבעק פֿון הויף צו הויף
אין ערשטן טאָג פֿון נייעם יאָר.

די קינדער גייען ביי דער זייט און קערן צו דעם שניי
מיט דעם טאַטנס אַלטע לייוונט-קאַפּטאַנעס,
די הינער שיטן פֿון דער שטייג ס'דערשראָק'נע קוד-קו-דאַקען,
און אויף דער סאַמע שפּיץ פֿון טעפּ פֿאַרזשאַווערטע און נישט צע-
שפּאָלטנע פֿניאַקעס
וויגט אַ וויג אַ ליידיקע דעם פֿראָסטיק-קאַלטן טאָג.

ס'פאַרטשעפּען זיך אויף שמאָלן וועג די שליטנס,
איינער גריזשעט זיך אַריין אין צווייטן מיט די בענק און לאַכעס,
ווי בייזע, הונגעריקע פערד ביים פּוסטן זשלויב.
און אויף אַ רגע ווייגט דעם פּאַר'בעקס וויג
יאַנציעס תּפילין־זאַק געשטיקטן,
און ס'פאַרבראָדערט זיך דער בליק פון צוויי פּאָר מענערישע אויגן
מיט דעם ברויט און זאַלץ פון שטומען פרעגן:
„וווהין" און „פון וואַנען"?
און פאַרשעמטע, טרויעריקע פון אייגענעם און פרעמדן צער
באַהאַלטן זיך די אויגן אונטער אָנגעכמורעט־ברוגזדיקע ברעמען,
ביז די שליטנס גיבן זיך אַ גליטש אָן זייט
און שלעפּן זיך אין צוויי פאַרשיד'נע זייטן —
און אויף דעם וועג בלייבט בלויז אַ בינטל אויסגעשאָקלט, דומפּיק
שטרוי.

דער היטער

ווער האָט דען געציילט יאַנקלס טעג,
ווער האָט זיי באַדאַרפט?
ס'האָט דאָס ווייב זיי אָפּגעבונדן פון איר לעבן,
ווי אַלטע, צעריסענע זעק,
און ס'האָבן די קינדער צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאַט,
ווי צו די ליידיק־אויסגעדראָש'נע זאַנגען,
וואָס גיבן נישט מער קיין ברויט.

נאָר ס'האָט זיך געוואָרעמט ביים ליכט פון פרעמדן עשירות יאַנקלס נאַכט —

אין שאָטן פון זיינע פאַרדונגענע נעכט
זענען געלעגן קופּעס מיט געל־רויטן אויבס,
און סטערטעס מיט פּריצישן ווייץ,
און יאַנקלס אויגן אָנגעלאָדענע מיט שרויט פון וואַכזאַמקייט
האָבן, ווי צוויי לופּעס פון אַ ביקס, די פינצטערניש געלעכערט
און ביי דעם מינדסטן שאָרך פון שטרוי, פון וויאַנענדיקן גראָז
האָט אויפגעבילט ס'בלוט פון לייב און מאָרך מיט אומרו:
— אפשר איז'ם אַ גנב,
אָדער אפשר דער פּריץ אַליין,

וואָס וואַקסט אוים אומגעריכט אין טונקלע, אָנלבנהדיקע נעכט
אַט אין וואַלד, אַט אין סאָד, אַט אין שטאָל?...

עס זענען פון זיין שטרויענער בודע אינעם סאָד
די אויסגעשפּיצטע חושים, ווי הינט ביי דר'ערד געלאָפן
נאָכן ניאָך פון פרעמדע טריט.

און טיילמאָל האָט זיך אויסגעצאָלט דאָס וואַרטן:
„העי, ווער איז דאָרט, ווער?"
עס האָבן די דערשראָק'נע, טרוק'נע זאַנגען
אַ שאָר געטון דעם שטויב פון אונטער פיס
און ס'איז אַ סנאָפּ געפאַלן צו דער ערד,
און בלאָע ליפּן פון אַ גויע האָבן זיך עקשנותדיק פאַרמאַכט,
ווי אַ קניפּיקל, אַשאַרפּס
אַרום דעם סוד —
אַז ס'הונגערט אין דער שטוב אַ קופּע קינדער
און ס'איז נישטאָ קיין מאַנסבילישע האַנט,
וואָס זאָל מיט די בלאָע שטריק פון אָדערן
די נויט דערוואַרגן.

און טיילמאָל האָט דאָס ווילדע כליפּען פון אַ שייגעצל
געדראַפּעט אין דער טיר פון האַרץ,
ווי אַ פאַרמאַכטע קאַץ:
„איך וועל שוין קיינמאָל נישט — איך וועל נישט,
נאָר גיב מיר אָפּ מיין — היטל,
ס'עט מיך דער טאַטע קאַטעווען ביז טויט,
אַז כ'על צוריקקומען מיט בלויזן קאָפּ אַהיים."

און שלעפנדיק פון פאַזוכעַ אַ לייב־צעוואַרעמטן און רויטן אַפּל,
האָט ער אויפגעמאַכט דאָס העמדל אויף דעם פליי־צעבים'נעם לייב,
ווי אַ ליידיק, אָרעם בייטאַלע:
„אַנו באַזוך, ביהמע, אַז כ'האָב נישט מער".

נאָר ס'האָבן יאַנקלס האַרץ פאַרמאַכט
די האַרטע צוואַנציק גילדן שמירה־געלט אַ חודש,
און אויף צומאָרגנס האָט דער פריץ
געוואָרפן צו דער ערד דעם דורכגעשוויצטן יאַקער פון דער גויע,
און געזייעט דורך די לעכער פון דעם אַלטן היטל
דעם קיילעכדיקן, האַרטן אַרבעס פון די ווערטער:
„„בלויז לאַכעס אויף די לייבער,
נישטאָ אַפילו וואָס ביי זיי צו נעמען,
אַז שיסן זאָל מען ווי די הינט גנבים פון מיין אויבסט און תבואה".
עס האָבן אויפגעכאַפּט די מאָרגנדיקע זון דעם פריצס אויסגעפּוצטע
שטיוול
און זי אַוועקגעטראָגן ערגעץ אין אַ צווייטן, דריטן צימער.

האָט יאַנקל גיך, מיט ציטערנדיקע פינגער
אויפגעהויבן פון דער ערד די לאַכעס,
באַהאַלטן אונטער זיין פאַרלאַטעט, אָפּגעקראָכן רעקל
און מיט די שמאָלע אוליטשקעס און סעדער,
אַז קיינער זאָל נישט זען,
איז ער געגאַנגען אונטערוואָרפן ס'היטל מיטן יאַקער.

יאַנקלס חשוון

ס׳האָבן די גראָע פלעדערווישן פון די כמאַרעס
נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעווישט דעם גילד׳נעם שטויב פון זון,
און ס׳האָט שוין אין די קליינע שטיבלעך
די זאָרג געשפּונען לאַנגע,גראָע פעדים.

האָט מען שטיל געציילט די זעקלעך מיט די בולבעס,
די הייפטלעך קרויט אין שמאָלער, טונקלער קאַמער
און די איבעריקע מיילער אין דער שטוב.

נאָר אין יאַנקלס קנייטשן איבער ברעמען
זענען שוין געלעגן אָפּגעציילטע אַלע נישט דערשלאָפ׳נע נעכט,
געפּטרטע ביים היטן פרעמדע סטערטעס תבואה,
און טעג, וואָס האָבן ווי היימלאָזע הינט
געזוכט אַ באַלעבאָס.

ס׳האָט זיך געקאַרטשעט אונטער זיינע שווערע טריט
דער ציטערנדיקער אומרו פון זיין ווייב
און ס׳האָבן זיינע שטיוול צעשפּאָלטן, ווי קערלעך
דאָס שטילע, פאַרשעמטע בעטן פון די קינדער:
„האָסט היינט פאַרגעסן אונדז צו געבן עסן, מאַמע״.

נאָר ס׳האָט נאָך נישט פאַרמאַכט איינגאַנצן
דער שוואַרצער שליסל פון די ווילדע געגנדז
מיט אַ זשאַווערדיקן, הייזעריקן שריי
דעם חשוונדיקן הימל איבער מענטשנס קעפּ —
און ס׳זענען נאָך געלאָפן צווישן גרינע לאָנקעס
די ווייסע אָדערן פון וועגן
צו ווייטע, אומבאַקאַנטע טייכן פון דער וועלט,
און געטראָגן מיט זיך די הפקרדיקע האָפנונג,
אַז אפשר ערגעץ אַנדערש איז וואָלוולער דאָס ברויט,
און לייכטער צו פאַרדינען.

שיפן

ס'האָט פאַר פרייסן געשטימט דער הונגער
און פאַר נעוו-יאָרק די חרובע שטוב,
אי פאַר הרינקען, דעם ערדלאָזן פויער,
אי פאַר בערלען, דעם אָרעמען ייד.

ס'האָבן פעלדער געכוואַליעט מיט תבואה,
ס'האָבן סעדער געקנאָספט און געבליט,
נאָר נישט פאַר הרינקען, דעם ערדלאָזן פויער,
נאָר נישט פאַר בערלען, דעם אָרעמען ייד.

האָבן קיפּערטלעך הארטע געפּויקט אויף די שטיינער
פון סטאַציעס פרעמדע און ווייטע,
און ס'האָבן שוין שיפן געוואַרט אין די פּאָרטן
צו לאַנגע נסיעות גרייטע.

איז טיילמאָל געקומען אַ בריוו און אַ דאָלער:
„פאַריכט דאָרט די שוואַכינקע שטוב"
„קויף אַ קו, זאָל זיין מילך פאַר די פּיצאַלעך קינדער"
האָט געשריבן אי הרינקע, אי בערל, דער ייד.

נאָר זייט ס'האָבן לענדער, ווי פעסטונגען שווערע,
יעדעס לאַנד באַזונדער, ווי אין אַ געוועט,
זיך פאַרשטעלט פאַר דעם פרעמדן הונגער, נויט און עלנט
מיט צוימען פון שפּיז און באַגנעט,

איז געבליבן הרינקע, דער ערדלאָזער פּויער,
איז געבליבן בערל, דער היימלאָזער ייד
מיט אַ הייפל קליינע, הונגעריקע קינדער
אין פאַרפוילטער, חרובער שטוב.

היינט, ווי אַמאָל רוישן פעלדער מיט תבואה
היינט, ווי אַמאָל קנאָספּן סעדער מיט צוויט,
נאָר נאָך אַלץ קיין ברויט איז נישטאָ אין דער היים
פאַר הרינקען, דעם ערדלאָזן פּויער און פאַר בערלען, דעם אָרעמען ייד.

אַקערט מען דורך די גאַסן, ווי בייטן
פון ווייטע און נאָענטע שטעט —
אפשר וועלן שטיינער מיט תבואה געראָטן
און אַרבעט וועט סטאַיען פאַר וויליקע הענט?

הוידען זיך גאַסן, ווי פאַלבריקן שווערע,
אונטער מידע, אומזיכערע שריט,
און ס'נעמט אויף מיט חשד, אָט די וועלט, די נייע
הרינקען, דעם פּויער און בערלען, דעם ייד.

שלאָפט מען אין נאָרעס, אונטער טויערן און בריקן,
דער גוף וועט באַוואַקסן מיט מיסט און מיט קויט,

צעוואַקסט זיך די שנאה צו די אייג׳נע הענט
און קלאָרער ווערט ס׳וווּנדער פון אַ לאַבן ברויט.

אַ מורמלען,
אַ וואָרט
פון אויפברויז
און צאָרן,
אַ הייסער, אַ גליאיקער שריי —
איצט האָרכט שוין די שטאָט,
איצט וואַכט שוין די שטאָט
און ענטפערט מיט אייזן און בליי.

און ס׳שווימען שוין תפיסות, ווי טונקעלע שיפן
אונטער הימלישע שטערן און מונדירן עסקאָרט,
און פירן הרינקען, דעם ערדלאָזן פויער,
און פירן בערלען, דעם הימלאָזן ייד
צו אַ נייעם, געמיינזאַמען פאָרט.

די אַלטע האַנקע

ווען כ'האָב געלייענט מיין מאַן צום ערשטן מאָל דאָס ליד, האָב איך דערזען טרערן אין זיינע אויגן. וואָס עס האָט אים אַזוי גערירט אין דעם ליד, ווייס איך נישט — און היינט איז שוין צו שפּעט צו פרעגן.
נעם איך מיט דאָס ליד, ווי אַ בלום, ווען ס'גייט מיין האַרץ אויף קבר-אָבות אויף די אַש-פאַרזייעטע פעלדער אַרום בעלזשעץ.

קיינער האָט זי נישט געלערנט איר מלאכה, די אַלטע האַנקע —
ווען ס'האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון שנירל צייט
דער לעצטער טאָג,
האָט זי אירע אייג'נע קינדער אַן אַ הילף געבוירן
און מיט די ציין אַדורכגעביסן דעם שטריק פון אָדערן און בלוט,
ווייל זי האָט דער „באַבקע" נישט געקענט באַצאָלן
מיט אַ פאַדאָלעק פול האַרטער תבואה און מיט אַ פערטל בולבעס.

און אפשר האָט דער מעסער-שניידנדיקער שמאַרץ,
פון וועלכן ס'איז איר לייב צעדרייט געוואָרן,
ווי די ווערבע פון אַ שטורעם-ווינט, אַן אומגעריכטן,

צעפלאָכטן די האַרטע בייטשן פון אירע אָפּגעאַרבעט־שוואַרצע פינגער
און זיי ווייך געמאַכט און מוטערלעך פאַר פרעמדן ווייטיק.

און ווען זי איז געגאַנגען מיטן סערפּ אין פעלד,
פלעגט זי נישט איין מאָל קומען רופן אַ פאַרסאָפּעט, קליינטשיק שייגעצל:
„קומט גיכער, האַנקע, גיכער, ס'דאַרף אייך עפּעס נייטיק די מאַמוניא".
האָט זי אַ טאָפּ געטון, צי ס'הענגט איר שער ביים גאַרטל אויפן שטריקל,
און ס'איז איר סנאָפּ געבליבן שטיין צעפלאָשעט, נישט דערבונדן,
מיט זאַנגען אין דער הייך, ווי אויפגעשטעלטע האָר פון ווילדער שרעק —

ס'האָט זי אין חשוונדיקע, טונקלע נעכט
געפירט דאָס אויג פון אַ לאָמטערן אין אַ מאַנסבילישער האַנט
צו דער אָפענער כאַטע, וואָס האָט געוואַכט מיט פענצטער און מיט טיר,
און וווּ ס'האָט דער מאַמעס הייזעריק געשריי
צוגעדעקט דערשראָקענע און אָפ'נע אויגן פון די קינדער,
ווי אַ פלאַכטע בלוט.

און ווען ס'האָבן די נעגל פון איינער, וואָס געבוירט צום ערשטן מאָל
זיך אַריינגעגראָבן אין האַנקעס אויסגעדאַרטן לייב מיט חיהש־ווילדער שנאה,
האָט זיך בלויז איר הויקער פאַררוקט אַביסל אָן אַ זייט,
ווי אַ שאַלעכל, אַ וואָלגס און אַ קליינס,

און אירע, שמאָלע, בלאָע ליפּן
האָבן ערגעץ, אַזש פון טיפן ברונעם האַרץ
אָנגענומען פולע עמערס פּיעשטשענדיקע ווערטער,
וואָס זי האָט זיך זיי אַוודאי נישט געלערנט ביי דער וויג פון אירע
אייג'נע קינדער:
„נו שטיל שוין, שטיל — אָט לייג איך דיר דעם קאָפּ אַביסל העכער,
אפשר וועט דיר גרינגער ווערן „סלוזשענקאָ",
נאָר העלפן מוזטו דיר אַליין, מיט דיינע כוחות,
דו מוזט"...

און אַז ס'האָבן האַנקעס אַכציק יאָר זיך אויסגעצויגן צו דער רו פון
טויט,
ווי בייטן צו דעם ווינטערדיקן שניי,
איז געוואָרן דושנע אין דער דאָרפיש־קליינער צערקווע
פון אַלע לעכט, וואָס מ'האָט געצונדן איר זכרון:
פּאַר יעדן קעפּאַלע פון קינד, וואָס ס'האָבן אירע הענט די ערשטע
אָנגערירט —
אַ פלעמאַלע, אַ געלס, מיט ווייסע טראָפּן וויינענדיק.
און אין דער קליינער, נידעריקער צערקווע
האָבן זייערע פלאַמען אויסגעמישט מיט אַלע איבעריקע
דריי לעכט, דריי יידישע, וואָס ס'האָט מיין מאַמע אָנגעצונדן.

ערשטער שניי

ס׳איז דער טאַטע אומגעקומען ערגעצוואו אין קריג,
און פון דער מאַמען מיט דער קרומער פּלייצע
האָט מען אויך אַ מאָס געגומען פאַר די טרומנע־ברעטער
(לייכטע, סענקעוואַטע סאָסנע־ברעטער, די ביליקסטע פון סקלאַד)
און מיכאַסיע מיט זאַכאַרקען האָבן גיוכענדיק די דומפּיקע און אוים־
געקראַצטע טעפּ
דערפילט מיט איין מאָל, פּלוצים,
אַז ס׳איז דאָס אַש אונטער דער קיך שוין קאַלט און פרעמד געוואָרן,
ווי דער מאַמעס הענט.

האָט דער עלטערער צעריסן ס׳לעצטע, זגרעבנע העמד
און אויפגעניית צוויי קליינע, שמאָלע זעקלעך,
וואָס האָבן זיך געטוליעט צו די קינדערישע פּלייצעס,
ווי חשוונדיקער אומעט צו די שטרויענע זאַגאַטעס.

שטייען כאַטעס שניי־באַברעמטע, מיט פאַרמאַכטע טירן,
ווי די קוואָקעס מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל,
און היטן געלע, פוכקע וואַרעמקייט פאַר בייזן יאַסטרוב — ווינט.

נעמען אָן די קליאַמקע קליינע פינגערלעך פאַרשטאַרטע

און לאָזן אַריין אין שטיבער רואיקע און זאַטע
דעם הינטיש — נע־ונדן אַטעם פונעם פראָסט.
לויפן אום ווי מייזאַלעך די בעטלערישע ווערטער
אין אַלע ווינקלען פון דער זאַטער שטוב
און גריזשען מיטלייד איין אין פרעמדע הערצער:
„אין שטוב קיין בולבע נישט געווען און נישט קיין שטיקל ברויט”.

דרייט די גויע אין די הענט דאָס גרויסע ראָד פון פריש־געבאַק׳נעם ברויט
און דאָס מעסער לאַכט אַריין מיט ווייסן בליץ פון גרייטקייט אינעם שוואַרצן לייב,

און ס׳קוקן נייגעריק די קינדער פונעם אויוון
אויף די לעכער אין מיכאַסיעס העמד
און פלוצים דאַכט זיך זיי,
אַז ס׳שטייט אונטער די פענצטער ז י, די גראָע „פּאַניע”,
וואָס גייט אַרום אין שטיבער צווישן טאָג און נאַכט
און פאַרבייט די קליינע קינדער אויף „ווידמינעס”.
ווערן זיי מיט הענטלעך און מיט פיסלעך
צוגעוואַקסן צו דעם ברייטן אויוון,
נאָר ס׳צעוויינט זיך ס׳יינגסטע אויף אַ קול:
„מאַמוניאַ!”

עס גיט אַ קרעכץ די טיר
ווי אַן אַלטע בעטלערקע,
וואָס וועבט פון קרעכצן גאַנצע פאַסמעס יאָרן,
און צוויי פּאָר פיס פאַרבלאָטיקטע, פאַרבלאָטע
פאַרלירן שוואַרצע פּאַציערקעס פון שליאַדעס
אין ערשטן, ווייסן, שניי.

דער עלפטער לעפל

דער ווייטער, ליבער פרוי מ. ה. אַ מתנה.

וועט ס'איז דער עלפטער לעפל צוגעקומען צו דער שיסל
און גראָד אין יענער צייט, ווען ס'בליט אין פעלד דאָס קאָרן,
האָט אַ בייזן קוק געגעבן דער טאַטע אויף דאָס ניי־געבוירענע.
וואָס איז געלעגן איינגעוויקלט ביי דער מאַמעס זייט
און געוואָרטשעט, ווי אַן אַלטער, בייזער הונט צום ווייב:
„ביסט עפּעס פון משפחה קרוליקעס,
וואָס פלאָדזען זיך און פלאָדזען אָן אַ שיעור —
האָסט אפשר פעלד פאַר אַלע, ווי דעם שופטס מאַרטע?
שטיי אויף און ניי דיר טאַרבאַלעך פאַר זיי".
דער רעגנבויגן פון אַ הויכן שפּיי
האָט דורכגעשניטן שאַרף די גראָע דעמערונג,
און ס'האָט די טיר אַ קוויטש געטון פון שרעק
אונטער די שווערע הענט פון באַלעבאָס.

און ס'האָט די שוויגער, וואָס איז צוגעוואַקסן צו דעם אויוון,
ווי ברוינער מאָך צום פייכטן שטאַם פוןביימער,
אַראָפּגעלאָזט אויף דינעם פּאָדעם פון דער שנאה

ווערטער, ווי קליינע, אכזריותדיקע שפינען, וואָס זויגן אויס דאָס בלוט:

„חידוש דיך נישט, טאָכטער,
אַ מאַן, איז אַ מאַן —
כ׳גערענק, אַז „מיינער" האָט מיך נאָך געשלאָגן מיט אַ רימען,
ווען כ׳האָב געהאַט דאָס ערשטע קינד אַ מיידל
און מיך געוואָלט אַרויסטרייבן פון שטוב
אַ שעה נאָך דעם געבוירן;
און טאַקע, טאַקע, וואָס איז דיר אויסגעקומען גראָד אין דעם פשעדנאָוועק,
ווען ס׳ענדיקט זיך דאָס לעצטע פערטל בולבעס
און מען מוז שוין גיין אין „הויף" פאַרדינען?"

און די קינדער, אויף וועלכע ס׳איז דער צאָרן פון זייער פאָטער געפאַלן, ווי אַ כמאַרנער טאָג אויף סטויגן נישט באַוואָרנט היי אין פעלד,
האָבן שטיל זיך צוגערוקט צום בעט
און פאַרשעמט געבעטן:
„מאַמע, איך האָב געוואָלט מיר אָפּשניידן אַ שטיקל ברויט —
איז שוין דער קאַסטן אין דער קאַמער ליידיק,
און יאַשקע וויינט אין ווינקל ביי דער טיר
און גריזשעט זיך די פינגערלעך פאַר הונגער —
מאַמוניא, צ׳הערסט?"
האָט זי אַוועקגערוקט פון זיך דאָס ניי־געבוירענע
און איז אויפגעשטאַנען פון געלעגער מאָלן קאָרן אויף ברויט,
דאָס לעצטע ביסל אויסגעוואַקסן, דומפּיק תבואה.

עס האָבן אַלץ פאַרחידושט געקוקט די קינדער אויף דער מאַמען,
ס׳האָט זיי געוואָלט זיך לאַכן פון איר פאַרקרימטן פנים,
פון די פאַרדרייטע, ציטערדיקע פיס,
אויף וועלכע ס׳שאָקלט זיך די מאַמע, ווי אַ שיכורע, אַהין, אַהער —

און דאָס מילעכל, וואָס עפּנט אויף דאָס מויל,
וויל, דאַכט זיך, עפּעס זאָגן, שרייען אויף אַ קול,
נאָר ס׳וואַרגט זיך מיט די נישט-צעמאָלטע רייד פון פּייכטן קאָרן
און שטרעקט אַרויס אַ ווייסע, לאַנגע צונג פון מעל
צו די הונגעריקע קינדער.

איזאַשיע, דער שינדער

די פּיס — צוויי לאַנגע, אויסגעדרייטע וואָרצלען,
עפּענען זיך פון די קני אַראָפּ אין דרייעק,
און ס׳פילט זיך אוים זיין ליידיקייט מיט שטויב און בלאָטע פון
היימישע וועגן.
עס זענען קיינמאָל נישט פאַרלאָטעט די צוויי שוואַרצע לעכער
אויף די זגרעבנע הויזן,
אויסגעריבענע פון קניען ביי איעדן קרייין אויף ראַנדן פון די וועגן,
און ס׳ציט צונויף אַ רייף פון גראָבן שטריק ס׳צעלעכצטע פּאַס
פון זיינע היפטן.
און, אַז מען פרעגט ביי אים, צי ס׳איז אַ סגולה,
הלמאי ער פלעכט דעם שטריק אַרום די היפטן איינס ביי איינס —
פאַרלייגט ער אָן אַ זייט זיין קיילעכדיקן אַרבוז־קאָפּ
און ענטפערט מיט פאַרגלייזטע אויגן:
זאָל מיר עס מוחל זיין אין הימל גאָט, די זון, די הייליקע
און איר, באַלעבאָס,
נאָר כ׳גלייב שוין קיינעם נישט,
אפילו קיין געפּגרטער בהמה״.
און שאַרצט אַרויף דעם אַרבל פון זיין האַנט
און טוט אַ ווייז צווישן געפלעכט פון גראָבע אָדערן

עפּעס בלוין און בלוים,
און דערציילט:
ווי ס'האָט זיך פּלוצים אַ האַלב-אָפּגעשונדן פערד
אַ ריס געטון מיט לעצטן, ווילדן כוח פון אונטער זיינע קני
און מיט די געלע ציין, וואָס האָבן זיך אַנטבלויזט ווי צו געלעכטער
זיך איינגעביסן אין זיין האַנט,
מיט וועלכער ר'האָט געשונדן שטיל, געשונדן שטיל
מיט אַ קניפּיקל אַ קליינטשיקס און אַ שאַרפס —
„ווער האָט געקענט זיך ריכטן גאָר אויף דעם,
דערצו פון אַ בהמה,
וואָס ווייסט, אַז כ'טו קיין שלעכטס נישט קיינעם,
אפילו אָט, אַזאַ אָ פּיצל קינד —
נאָר ס'מוז איעדער שווער און ביטער אַרבעטן
אויף אַ שטיקל האַרט און אָרעם ברויט" —

איצט טראָגט ער שוין דעם שטריק ביי זיך און דושעט פריער אַלע,
די האַלב-געפּגרטע און די פון לאַנג שוין טויטע,
און זאָל עס מוחל זיין אין הימל גאָט, די זון, די הייליקע
און דער באַלבאָס אַליין,
ער גלייבט שוין קיינעם נישט, אפילו קיין געפּגרטער בהמה.

זינט דרייסיק יאָר קומט שוין איוואַשיע שינדער אין די זעלבע
שטיבער
און תמיד בלייבט ער שטיין פאַרשעמט אין ווינקל ביי דער שוועל,
גלייך ס'וואָלט געווען נאָך אַלץ דאָס ערשטע מאָל,
ביז ס'קומט די גויע פון דער קאַמער מיטן קענדל מילך,
דאַן גיבן זיך אַ דריי די טעלערלעך פון אויגן

מיט זייער ווייסער בעטלערישער דנאָ אַרויף,
און ס׳פּאַטשן זיינע לאַנגע הענט פאַר שמחה:
„אַט, טאָ, טאָ, טאָ,
באָה זאַפּלאַטי זאַ בידנו סיראָטו,
גאָט זאָל געזונט אייך געבן, טייערע באַלבאָסטע,
דעם מאַן, די קינדערלעך און דער כודאָביצע אין שטאַל,
און זאָל ער טיילמאָל אויך אָן מיר געדענקען,
דעם יתומל פאַרלאָזטן — דעם יתומל".
און ווישט זיך מיטן קויטיק־פּעטן קאַפּטאַן־אַרבל די טרוקענע אויגן.

די טאַכטער

איז אַהיימגעקומען פון דער שטאָט די טאָכטער,
און די צוועלף חדשים דינען אין דער פרעמד
זענען איינגעבונדענע געלעגן אין אַ טלומעקל, אַ קליינעם:
אַ קלייד, אַ שאַל, און נייע, ווייכע שיך.

ס׳האָט איר קאָפּ, אָן אָפּגעווווינטער פון דער נידעריקער טיר
אַ האַרטן קלונג געטון מיט שאַרבן-ביין אין באַלטן,
און ס׳האָט אַ וואָרטש געטון די אָרעמקייט פון שטוב
צו אירע צוויי געזונטע, רויטע הענט
מיט דער בייזקייט פון אַ הונגעריקן הונט.

ס׳האָבן שוועסטערלעך געגלעט די בלומען פון דער שאַל,
און די ברידערלעך מיט פינגער באַטאַפּט דאָס ווייכע לעדער פון
די נייע שיך,
נאָר דער מאַמעס שטרענגער בליק האָט אַלץ באַקוקט דעם
שאַרץ אויף איר,
ביז ער האָט דערזען זיך עפּעס הייבן,
ווי אַ בערגל קרעטאַווינע אינעם גאָרטן.

האָט זי אַריינגערופן פון דער שטאָל דעם מאַן
און ברעכנדיק דעם טרוקנעם כרויסט פון ווערטער,
געצונדן ס׳פייער פון דעם פּאָטערס צאָרן:
„אַז מען וועט אַראָפּנעמען די אַלטע וויג פון בוידעם,
ווען מענטשן לאַכן פון אונדז׳רע גראָע האָר,
און ס׳וועלן שטעכן זייערע רייד,
ווי באַדיאַקעס דאָס נאַקעטיקע לייב:
— פון ווען אָן איז ביי וואַסיל דעם כאַלופּניק ברויט צו זעט פאַראַן?

ס׳האָט דער פּאָטער דורך דעם גאַנצן הויף געקוילערט
דעם דונער פון זיין צוגעדושעט-ציטערדיקן קול,
ביז די טאָכטער איז געבליבן שטיין פאַר אים,
ווי אַ בליץ-צעשפּאָלטענער עפּלבוים אין סאָד,
און ס׳האָט דער רימען צוגעפייפט צו יעדן וואָרט,
אַ סימן, אַז ס׳איז נאָך נישט הפקרדיק די גאַנצע וועלט —
און אַ פּאָטער איז אַ פּאָטער:
„כ׳האָב נאָך זיבן קליינע קינדער אין דער שטוב
און דאָס ברויט ביי מיר איז ביטער פון דער וויקע,
קומט מיר אויס, אַז כ׳זאָל נאָך אויף דער עלטער האָדעווען און וויגן
פרעמדע בענקאַרטעס פון שטאָט?״

האָט די טאָכטער איינגעניורעט אין די אַקסלען איר
פאַרשעמטן קאָפּ

און די אויגן האָבן בעטנדיק געלעקט דעם פּאָטערס הענט,
ווי אַ צויג, בשעת מען נעמט צום טרענקען אירע קליינע,
און נאָר די פּלייצע האָט זיך אויפגעשטעלט הכנעהדיק אַנטקעגן
שווערע קלעפּ,

זוי אַ דאַך אַנטקעגן שטרוימענדיקן רעגן:
— אפשר וועט דער גראָבער רימען מאַכן שלום? —

נאָר ס'שפּאַרט זי צו וואָס נענטער, נענטער צו דער טיר
דעם פֿאָטערס האַרטער שריט
און ס'וואַרפט איר נאָך, אַריבער שוועל, זיין האַרטע האַנט
דאָס קליינע טלומעקל פון שטאָט
מיט קלייד, מיט שאַל, מיט שיך.

די דינסט

עס בליען אין איר בליק נאָך אַלץ די סעדער פון איר היים —
און אַז עס קומט צו חלום אַ סטאַדע גענדזאַלעך, ווי ווייכער,
גע'לער פוך,
וועלכע זי האָט געטריבן פרילינגסצייט צום וואַסער
און געהיטן פאַר קראָען און יאַסטרובעס פלינקע
פון איר פינפטן יאָר אָן,
גייט זי דעמאָלט אום אַ גאַנצן טאָג צעטומלט
און זשעדנע טרינקט זי מיטן גאַנצן גוף דעם ריח פון שייטלעך
האָלץ,
וואָס ליגן גרייט צום הייצן לעבן אויוון
און שמעקן מיט היים.

יאָ, עס איז אַזוי שיין איר ווייטע היים,
נאָר ס'איז זאַמדיק און מאָגער דאָס קליינע שטיק פעלד,
וואָס דאַרף שפייזן די זיבן מיילער פון דער שטוב.
איז זי, די עלטסטע, אַוועק אין דער שטאָט
און אירע צוויי הענט זענען וועקסלעס,
וואָס רודערן איר לעבן דורך דער פייכטער פאַרע פון די
טונקלע קיכן.
און אַז ס'קומט טיילמאָל אָן אַ בריוו פון שכנס זון,

לויפט זי אַ גליקלעכע צו פרעמדע מענטשן,
קוקט לאַנג, הכנעהדיק אין זייערע אויגן,
וואַרטנדיק ביז ס׳וועט דאָס צוקן פון דער ברעם
באַשטעטיקן דעם פרעמדנס גוטן ווילן,
און בעט דאָן שטיל, מען זאָל איר איבערלייענען אַלעס, אַלעס,
וואָס ער שרייבט.
און דער נאַקעטיקער שמייכל אויף די פרעמדע ליפּן
ביי יעדן אומגעלומפּערט־רויען וואָרט,
וואָס באַהאַלט אין זיך אַ גאַנצן ים פון צערטלעכקייט און ליבע,
יאָגט אָן דאָס בלוט צו איר פאַרשעמטן פּנים.

זי טראָגט אַ גאַנצע וואָך אין האַרץ דעם ענטפער,
ביז ס׳שטייען ענדלעך אין אַ זונטיקדיקן טאָג
אויף אַ ראָזאַ־בלאַסן בלאַט פּאַפּיר
אונטער טייבאַלעך געפּענטעטע מיט רויטע רויזנקרענץ
ווערטער פרעמדע, שטייפע, ווי די אינוואַלידן,
ווערטער, וואָס ס׳האָט די חברטע אין איילעניש געשריבן.
און אַז די פריינדין לייענט איר פאָר דעם בריוו,
וואָס ענדיקט זיך מיט קושן און מיט „גרויסער אַכטונג",
בלייבט דעמאָלט ערגעץ אין אַ ווינקל פון איר ליפּ אַ מידער שמייכל
און ס׳בלייבן אָן אַ זייט פאַרשעמט די ווערטער אַלע,
וואָס זי האָט אַ גאַנצע וואָך אומזיסט אין האַרץ געוואָרעמט.
טראָגט זי זיי צוריק מיט זיך אין קיך,
ווו עס שווענקט זיי אָפּ ביינאַכט אַ שטראָם פון שטילע טרערן.
אירע פינגער, דורך וועלכע ס׳פליסט מיט ווונדיקע און טונקעלע ריסן
דער גאַנצער שמוץ פון שטוב,
רירן זיך צו מיט ערפורכט, מיט חשד און מיט עקל

צו יעדן שטיקל גלאַטיקן, באַשריבענעם פּאַפּיר,
וואָס זיי טרעפן ערגעצוווּ ביים רוימען
און קענען עס נישט גובר זיין דורך שנאה.

און טײַלמאָל אין די קאַרגע אָפּרו־שעהן אירע
מאַכט זי אויף דאָס אַלטע תפילה־ביכל
מיטן גילדנעם קרייץ אויף זײַנע שוואַרצע טאָוולען,
גלעט מיט צעשפּרונג׳נע פינגער איבער טונקלע אותיות,
וואָס זענען פול מיט גאָט, מיט רחמים און מיט ליבע.
און ס׳בלייבן דעמאָלט אירע אויגן שטום און גלויביק
פאַר דער פרעמדער וועלט פון אַלף־בית,
דער וועלט, וואָס איז פאַרקניפּט פאַר איר אויף טויזנט קניפּן,
דער וועלט, וואָס לייזט זיך אויף אין קרייזן און עליפּסן
און פאַרקויפט זי יעדע רגע, ווי אַ יודאַס
פאַר דרייסיק הארטע, שווערע טעג פון חודש
צו איר גורל.

ערד אונטער שניי

I

די שטיוול

דער אַלטער איז אַראָפּגעקראָכן פון דעם ברייטן אויוון,
אויסגעווישט די קליינע, צוגעפרויר'נע שייבלעך —
פון דער גראָער רעשעטע פון נידעריקן הימל
האָט זיך געזיפּט פּאַמעלעך שיטר'ער שניי
און אָנגעטון אַ היטל אויף דעם קאָפּיעץ בולבעס,
וואָס איז געשטאַנען גראָד אַקעגנאיבער פענצטער,
מען זאָל איעדן אינדערפרי זיך קענען אָנשפּאַרן אויף אים מיט
הונגעריקע בליקן
און גרינגער זאָל די אַרבעט ווערן ביים געדאַנק —
ס'עט סטאַיען נאָך צום זומער.

עס האָט די דרויסנדיקע קעלט מיט שאַרפן מעסער
געשניטן קליינע רעפטלעך פון דער וואַרעמקייט אין שטוב
און זיי צעקייט מיט וועלפיש-שאַרפע, ווייסע ציין פון פראָסט.
ס'האָט זיך געטוליעט צו דער קיך דאָס קאָרן,

אויסגעשיט צום טרוקענען פּאָר שטיינערדיקע שטשאָקעס פון
די זשאָרנעס,
און די קינדער האָבן פון דעם גרויסן אויוון
אָפּגעקרישלט מיט די הענטלעך שטיקלעך ליים און ציגל,
און זיך באַהאַלטן אין דעם טיפסטן ווינקל פאַר דעם אַלטנס ווערטער:
„אָהאָ, סע שיט, מען זעט שוין קוים די שפּיצן פון די יונגעביימער".

דער אַלטער האָט מיט זיינע דרעפּטשענדיקע טריט די קליינע
שטוב געמאָסטן,
און דאַן זיך אָפּגעשטעלט נישט דרייסט ביים ווינקל פון דער טיר,
ווו געשטאַנען זענען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן די שטיוול,
פאַר צען פאָר פיס פון גאַנצן הויזגעזינד —
איין־איינציק פאָר.
ר'האָט אויסגעשטרעקט צו זייערע צעקרומטע, אָפּ'נע מיילער
די קעלט־פאַרשטאַרטע פיס,
און זיינע אויגן האָבן זיך פאַרענטפערט
מיט הינטישער הכנעה
פאַר יעדערן באַזונדער פון דער שטוב,
ביז ס'האָט דאָס שאַרפע מעסער פון זיין אייניקלס בליק
דורכגעשניטן ס'דינע פעדימל פון האָפנונג.
עס האָבן יונגע, שטאַרקע הענט אַ ריס געטון צו זיך
די ברוינצעוויקטע, אויסגעקרומטע שטיוול
און דער שאַרפער האַגל פון די ווערטער
איז געפאַלן אין די בריזדעס פון צעקנייטשטן, אַלטן פּנים:
„מעך שלאָגט דער טאַטע, ווען כ'וויל גיין אין שקאָלע
ער זאָגט, אַז שטיוול ווערן קאַליע, פוילן פון דער נעץ,
און דו גייסט מאַכן סטעזשקעס גאָר אין שניי?"

עס האָט זיך מיט אַ טרוק׳נעם הוסט פאַרקייכט דעם אַלטנס
דעכאָוויטשנע ברוסט,
און ס׳האָט געבעטלט ביי דער שנור אַן ענטפער
דאָס סקריפּענדיקע קול:
„אַזוי אַ, שאַנעוועט מען אַלטע דאַ, ביי דיר אין שטוב?״
נאָר אירע ליפּן, האַרטע, ווינטערדיקע גרידעס
זענען נישט אויפגעטאַיעט מיט דער זומערדיקער וואַרעמקייט
פון וואָרט,
און ס׳איז אַרויס דער אַלטער פון דער שטוב,
אַוועקגעשאַרט דעם שניי פון אונטער שוועל
מיט ריסקאַלעס פון די געשוואָלענע פיס,
אויף וועלכע ס׳האָבן בלאָע אָדערן די רויטע הויט געהויבן,
ווי רעגנווערים די צעווייקטע ערד.

II

וואַלד-גנבים

אויף די אָנגעשוואָלן-מוטנע אויגן פון האַרבסטיקן פרימאָרגן
האָט זיך געלייגט דער פראָסט פון יאָסלס שווייגן,
און נאָר די ברוסט האָט אָפּגעענטפערט די שאַרפע קלעפּ פון האַק
מיט אַ לאַנגן, קייכנדיקן אָטעם.

אין דער ווייס-גערינענער, געדיכטער לופט
האָבן זיך געשאַרפט ביים בליץ פון האַק די אויגן פון זיין ווייב
און זיך געוויגט, ווי וועווערקעס אויף אָדערדיקע אָרעמס פונעם מאַן.
די קעלט-פאַרשטאַרטע גראַבליעס פון די פינגער

האָבן זיך אָפּירגערוקט פון אונטער דינער, לעכערדיקער שאָל,
צונויפגעשאַרט אין פאַדעלעק די שפּענדלעך,
און ביי זייער פרישן, רויען ריח האָט זיך דאָס בלוט געוואַרעמט
מיט דער האָפנונג אויף אַן אָנבייסן פאַר הונגעריקע קינדער,
וואָס זיצן אין די בלויזע העמדלעך אין פאַרמאַכטער שטוב
און צעפּלעטשן זייערע נעזלעך אָן די קליינע שויבן:
— ווען די מאַמע קומען באַלד צוריק אַ היים? —

און ווי דער רויך אין גראָע רעגנטעג
האָבן זיך די ווערטער ביי דער ערד געצויגן
צוגעדושעט מיט אַ שווערער כמאַרע פון דער שרעק:
„גיב אַכטונג, יאָסל, האַק אַ ביסל שטילער,
ס׳קען דאָך דער דער לעסנע זיין אין וואַלד פאַרזעסן,
וועט ער אַראָפּשלעפּן פון לייב דאָס לעצטע העמד —
זאָל ער נאָר נישט כאַפּן ביי דער האַנט, אין וואַלד.
ס׳איז טרוקן היינט און האַרט די ערד
און מ׳עט נישט קענען נאָכגיין נאָכן שליאַד״.

ס׳האָט מיטן לעצטן קלאַפּ פון האַק אַ טרעשטש געטון דער בוים,
און די דערשראָק׳נע קאַווקעס האָבן אָפּגעשיט פון וואַלד די
לעצטע חשוונדיקע בלעטער.
עס איז געקומען יאָסלס באָרסוק-מרוטש פון זיין באַהאָרטער
ברוסט:
„וואָס טויג דאָס רעדן, בעסער שטעל שוין אויף די פּלייצע דיינע״.
האָבן זיך אַ בויג געטון די צוויי פּאָר אַקסל
און אויף דעם שווערן, גראָעם טייך פון נעפּל
געלייגט די קלאָדקע פון אַן אויסגעהאַקטן, לאַנגן בוים
און ס׳האָט די ערד אַ קרעכץ געטון אונטער די שווערע טריט.

III

אַ זון — אַ גלח

איינזאַם, טרויעריק קוקט דאָס פענצטערל פון פעדקעס שטוב,
וואַרפט אַרויס אַ שיפּאָלע פון ליכט אויף ווייסן, דרויסנדיקן שניי,
און פאַרברידערט זיך מיט וואַכנדיקע הינט פון שלאָפנדיקן דאָרף.

לעבן פענצטערל, אויף צוויי צונויפגעשטעלטע בענק
לעשן זיך די אַכצן ליכט פון יאָרן
פון פעדקעס עלטסטן זון,
און די געדאַנקען טריפן פון זיין שטערן
מיט קאַלטע טראָפּנס שווייס:
— אפשר וואָלטן ביכער נישט אַזוי געזויגן ס'לעבן פון דער לונג,
ווען נישט דעם טאַטנס האָפנונג אויף אַ זון, אַ גלח,
די האָפנונג,
וועלכע האָט געיאָגט מיט טעג פון קעלט און הונגער,
מיט לעקציעס פאַר תלמידים לוסטיקע און זאַטע
איבער לעמבערגס ווייטע, פרעמדע גאַסן.

און אפשר וואָלט געוועזן לייכטער גאָר צו זאָגן:
— איך וויל נישט זיין קיין גלח —
ס'גייט אָפּ איעדער נאָסער חשוון אין דער שטאָט
מיט מיין אייגן בלוט,
און ס'גריזשעט אוים דאָס לעצטע ביסל מאַרך פון שלעכט־
באַקליידטן לייב
דער שווערער ווינטער —

ווען נישט דער אומעט פון דער מאַמעס נישט־דערשלאָפנע נעכט
ביים גנבענען אין פאַנסקע וואַלד דאָס גראָז
אויף אָנצופיטערן די קו,
וואָס איז געקומען תמיד פון דעם קליינעם שטיקל אוגער
מיט זייטן איינגעפאַלענע און דינע.
און דאָס שיסאַלע פוטער,
ס׳אָפּגעשפּאָרטע פון אייגענעם מויל,
האָט געטראָגן צו פאַרקויפן אין דער שטאָט די מאַמע
און בגנבה פאַר די איבעריקע קינדער
א י ם צוגעשיקט דאָס אויסגעריבן־האַרטע געלט.
נאָר ערגעץ האָט זיך דאָך געמאַכט די טרייסט אַ נעסט אין
איר געדאַנק:
— מ׳עט אָפּטרעטן דעם בעסטן פּלאַץ אין צערקווע,
און ס׳וועלן מענטשן שעפּטשען אין דער שטיל:
„אָט גייט דעם גלחס מאַמע". —

און אפשר וואָלט געווען לייכטער גאָר צו זאָגן:
-- לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיך אָפּ,
עס איז דאָס לערנען בלויז פאַר באַלעבאַטיש־רייכע, זאָטע זין —
ווען נישט דער שוועסטערס דאַרע, קליינע הענטלעך,
וואָס זענען נאָך נישט צוגעוווינט צום סערפּ
ביים שניידן גאַנצע טעג אויף פאַנסקע פעלדער,
צעוויקלען זיך, ווי שלעכט אַריינגעשרויפטע לייכטער
און הייבן זיך צו אים מיט בענקשאַפט און מיט פרייד:
„איאַ, וועסט קויפן מיר אַ קליידל, אַז וועסט שוין זיין אַ גלח,
און כ׳על נישט מוזן מער אַרומוויקלען מיט רויטע שמאַטקעלעך
פון סגולה

די געשוואָלענע געלענקען פון אַט אָ, די אָ הענט?״

און איצט איז שוין צו שפּעט —
עס ליגן אויף דער גראָער דעק די אויסגע׳צער׳טע הענט,
זוי געלע, השוונדיקע בלעטער,
און די ליפּן זענען שוין פאַרזיגלט מיטן רויטן, הייסן ליאַק פון פיבער.
ס׳זשאַלעוועט נישט מער קיין נאָפט די מאַמע
און לאָזט דאָס לעמפּל ברענען גאַנצע נעכט,
דער פאָטער לייגט זיך שלאָפן אין די שטיוול
און הויבט דעם קאָפּ פון זיין געלעגער ביי דעם שטילסטן שאָרך,
און ס׳וואַרפט אַרוים דאָס קליינע פענצטער נאַכט, ביי נאַכט
אין שנייאיק-ווייסן תהום אַ שיפאַלע פון ליכט,
וואָס וואַרט מיט איינגעצויגענע און שטילע וועסלעס פון די שעהען
אויף דעם טונקעלען גאַסט.

דער מאַמעס טרייסט

שוין פיר און צוואנציק יאָר זייט יענער נאַכט,
ווען ס׳האָט צעשפּאָלטן זיך איר קערפּער ווי אַ קאַשטאַן־פּרוכט,
און די לאָמע האַנקע האָט מיט אַ זשאַווערדיקער, אַלטער שער
אָפּגעשניטן פון איר לייב דעם זון — די הילף אויף אירע אַלטע טעג,
און אַלץ נאָך מוז זי אויסוואַשן אַליין אַ העמד און אַרבעטן אין
גאָרטן און אין שטאָל
און צאָלן רייכע שכנים מיט די טעג פון אַרבעט
פאַר זייערע פערד, וואָס העלפן פירן ס׳מיסט און אַקערן דאָס
שטיקל פעלד,
און אַז עס קומט דער פרילינג, מוז מען צוקויפן צום זעצן בולבעס,
עס וואַרט די אויסגערוימטע קאַמער אויף דעם אויסגעמאָלטן
קאַסטן פון אַ שנור
און ס׳וואַרט דער הונגער פון פשעדנאָוועק אויף דער הילף
פון אירע מאַרגעס פעלד.

עס ליגט דעם זונס פאַרעקשנט שווייגן, ווי אַ ריגל אויף דער
מאַמעס מויל,

און אירע יאָרן גייען אָן דער הילף פון טעכטער־הענט אַראָפּ,

ווי שווערע שטיינער אויף דעם דנאָ פון אַלטקייט.
נאָר, ווען עס מאַכט די ווינטער־נאַכט געדיכטער היימישע
פּאַרטרוויטקייט —
עס זיצט דער זון ביים אויוון און שניצט פון ווייסן האָלץ
גראַבליעס, וואָס שטשירען זייערע ציין צום חלום פונעם ערשטן היי,
און דער מאַמעס שפּינדל זשומעט, ווי אַ בין אין זומער,
טאַיען אויף די קנייטשן אויף איר פּנים,
ווי די געפרווירענע גרודעס פרילינגס־צייט:
„עס איז דער פאָדעם גראָב און לויז צונויפגעדרייט מיט אַלטע הענט,
און מיינע אויגן זענען רויט פון זיצן וואָך דורך לאַנגע ווינטער־נעכט,
שוין צייט, מיין זון, אַז ס׳זאָלן שפּינען ייִנגערע פון מיר —
דו ביסט דאָך ווי אַ טאָפּאָל הויך און ס׳ברענט ביי דיר די אַרבעט
אין די הענט,
נישט איינע קוקט זיך אום די אויגן נאָך מיין זון״.

און פּלוצים, ווי פון ערד דער וואָרעם נאָך אַ רעגן
קריכט אַרויס פון מוח דער פון לאַנג געדושעטער געדאַנק,
דער געדאַנק, וואָס האָט געפּאַשעט דורך די ביטער־לאַנגע יאָרן
די הונגעריקע אויגן מיטן פעלד פון י ע נ ע ר זייט פון פּלויט:
„עס גרעניצט מאַגדאַס פעלד מיט אונדזער גאָרטן,
אַיעדע סקיבע גלאַנצט מיט פעטיקייט, ווי אייל,
און ס׳איז איר הויז דאָס שענסטע אינעם דאָרף
און מיט אַ דאָך פון בלעך —
און זי אַליין איז נאָך נישט אַלט אפילו,
צוויי באַקן, ווי די רויזן און הענט צו אַרבעט רירעווודיקע, פלינקע,
און כ׳האָב געזען אַליין מיט מיינע אויגן,
ווי זי שמייכלט פון דער שוועל צו דיר״.

עס גיבן בייז אַ קלאַפּ צווײ מענערישע שטיוול אין דער
הארטער ערד,
גלייך זיי וואָלטן צוגעדריקט די אָסע,
וואָס האָט אַ בים געטון דאָס האַרץ מיט שאַרפן שטאַכל,
און ווערטער שפּרינגען אויף דער אַלטערס פּלייצע, הענט און קאָפּ,
ווי אַרבעס טרוקענער בשעתן דרעשן:
„עס קען די מאַמע זיך משדך זײַן אַליין
מיט דער פּאַנפּעוואַטער גבירטע, דער אלמנה —
זאָל איך אויף מײַנע פיר און צוואַנציק יאָר, ווי פּיסאַנקעס געמאָלענע
גיין אָנטון אַלטע אָנוטשעס פון יענעמס פיס?
און אויב שוין יאָ גערעדט, טאָ זאָג איך אויך מײַן וואָרט,
דאָס וואָרט פון מאַן, וואָס ברענגט אַהיים דעם גאַנצן וואָכן־שכר —
ס'עט קומען אין דער שטוב דעם אַלטן יורקעס טאָכטער!"

עס רייסט זיך פּלוצים אָפּ פון קוטשעראַווע שפּינדל־קאָפּ
דער פאָדעם, ווי אַ נישט־דערטראַכטער, טרויריקער געדאַנק.
סע גייט די אַלטע אין דער פינצט'רער שטאַל,
נעמט אַרום דעם ווייך־געקאַרבטן האַלדז פון דער „זאַזולע",
און ווײַנט זיך אויס פאַר איר דאָס אָפּגענאַרטע, שווערע
מאַמע־האַרץ —
„זאַזולע" שטייט אין וואַרעם־ווייכער פּאַרע פון דעם מיסט
און האָרכט זיך איין אין פרעמדן צער מיט אייגנער מילעך־פולער
זאַטקייט —
נאָר ס'הייבן זיך און צוקן טיילמאָל אירע ברייטע אויערן,
און שאָקלען אָפּ פון זיך די ווייסע טרערן־ראָסע,
וואָס קיצלט איר די הויט, ווי זומער־צייט די פליגן.

מאַמע אין תּפֿיסה

וואָלט זי געווען אַ לייבעכע, אַ צויג,
אָדער בלויז אַ קאַץ,
וואָלט זי מיט נעגל און מיט ציין
פֿאַרטיידיקט אירע קליינע.
נאָר זי, די פֿויערטע, די אָרעמע פֿון דאָרף,
מיט מידע, אָפּגעאַרבעט־האַרטע הענט,
מיט פּלייצע איינגעהויקערטער פֿון שווערער מי,
גייט זי צו דער לעצטער זעאונג מיט איר זון
און צוויי באַגנעטן
פֿינקלען אין דער זון.

בלייבט ביי דער שוועל די אַלטע פֿויערטע
און שווייגט —
ווייל ווערטער קענען ווערן שטריק
אַרום דעם האַלדז פֿון קינד,
און ס׳קען אַן אויסגעשריי, אַן איינציקער
זיין ווי אַ קויל אין סאַמע מיט פֿון האַרץ.
און ס׳בלייבן שטום די הענט
און וואַרגן צווישן פֿינגער טויזנט תּפֿילות פֿון אַ מאַמען,

וואָס האָט מורא אַ גלעט טון איר קינד,
ווייל גראָד קען זי באַרירן אָט דאָס אָרט,
וואָס וועט אין דריי, פיר שעה אַרום
דער תלין זוכן מיט זיין האַנט.

נישט קיין וואָרט,
נישט קיין ריר,
איז ווי לאַנג-זשע קען מען אַזוי שטיין ביי דער טיר,
מעסטן מיט שערבאַלעך פון אייג׳נע יאָרן
דעם ווייַן פון יונגן, האַפּערדיקן לעבן
און קוקן אין די בלאָע אויגן פונעם קינד,
וואָס ווילן אויסטרינקען די ג אַ נ צ ע וועלט
מיט איין-איינציקן שלונג?

נישט קיין וואָרט,
נישט קיין ריר,
איז דען מיטאַמאָל פאַרשטיינערט געוואָרן
אָט די פרוי ביי דער טיר?
נאָר ווער אויף דער וועלט, דער גאַנצער
קען בעסער וויסן פון אַ מאַמען,
וואָס צו טון אין דער לעצטער שעה,
ערב טויט פון אַ יונגן און געזונטן זון,
וואָס האָט געקענט נאָך לעבן לאַנגע, לאַנגע יאָרן?

שמייכלען דאַרף מען —
(עס זאָל נאָר קענען אויסהאַלטן דאָס מאַמע-האַרץ
די שווערע, ש ו ע ר ס ט ע משא פונעם שמייכל),

אויסבאָדן דאָס קינד אין שמייכל פון אַ מאַמען,
אויסקויפן מיט שמייכל בלויז אויף קורצע רגעס
פון דער נייער, סקריפּענדיקער וויג,
וואָס וואַרט דאָרט אינעם הויף.
עפענען דאָס שווערע אייזן-טויער
און דורכברעכן אַ וועג צו שלוכצענדיקן, קינדערישן גליק
— „מאַמע?!!!"

— עס איז דאָך אַלץ נישט אמת, קינד,
אַ יאָ?
וואָלט דען געקענט דיין מאַמע לאַכן אָט אַזוי,
ווען ס'וואַרט דער תלין מיטן זייגער אין דער האַנט?
קוקסט אויף מיינע הענט?
זיי ציטערן — זיי ציטערן דערפאַר,
ווייל כ'האָב אין זיי געטראָגן אַזאַ שווערן פּאַק,
אַ ברויט פאַר דיר, אַ שטיקל קעז און פּוטער,
דעם יום-טוב-אנצוג דיינעם און די נייע שטיוול —
עס איז דאָך אַלץ נישט אמת, קינד...

וואָלט זי געווען אַ לייבעכע, אַ צויג,
אָדער בלויז אַ קאַץ,
וואָלט זי מיט נעגל און מיט ציין
פאַרטיידיקט אירע קליינע.
נאָר זי, אַ פויערטע, אַן אָרעמע פון דאָרף,
גייט זי צו דער לעצטער זעאונג מיט איר זון
דורך טירן — אייזן,
צווישן פענצטער — קראַטן,
אונטער דער וואַך פון פּאָליציי-סאָלדאַטן.

אונדזער אַלטער יורקע

מסתמא וואָלט איך איצט אַיעדן פרייטיק
געבאַקן, ווי מיין מאַמע ברויט און חלות אויף אַ וואָך, אַ גאַנצער,
געכאָוועט הינער, אינדיקעס און טויבן
און קליינע שאָף און שווערע, מילדע רינדער.
כ׳וואָלט באַדעקט דעם פלויט מיט טעפּ און מיט קאַנען,
ווי מיט פינקלדיקע, האַרטע פּיקלהויבן,
ער זאָל באַוואַכן מיר די שטוב פון אַלעם בייזן.
כ׳וואָלט עצות געפרעגט ביי אַלע זנאַכאָרעס
אויף מאָזלען,
אויף שטעכן אין זייט
און אויף עין־הרעס,
ווען נישט דאָס, וואָס אונדזער אַלטער יורקע
האָט נישט געענדיקט קיינמאָל ביזן סוף
די מעשה, וואָס ער האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן
אַיעדן אויפדערנאַכט פאַר קינדערישן שלאָף.

ווען עס האָבן געפלאָמט מיינע אויגן און באַקן
און כ׳בין נאָענט שוין געווען צום דערגיין באַלד דעם סוד,

האָט זיך יורקע דערמאָנט, אַז דער שפּייכלער איז אָפן,
און, אַז צייט שוין צו רעדן אַ פּאָר ווערטער מיט גאָט.

ער האָט זיך אָפּגעריצט מיט מיר, מיר צוגעזאָגט אויף מאָרגן,
און טיילמאָל איז ער פּשוט, פּראָסט אַנטשלאָפן אין דער מיטן,
און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון דעם וואַלד פון זיין געדיכטן כראָפּען
וועט מיטאַמאָל אַרויסשפּרינגען דאָס וואָרט,
ווי אַ פלינקער און צערייצטער וואָלף —
האָב איך געזעצט זיך אים צוקאָפּנס און גענומען היטן.

טיילמאָל האָט ער גענומען פינטלען מיט מכלומרשט תמימותדיקע אויגן:
— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, כ׳האָב אַ ביסל פאַרגעסן,
מען מוז דעם זכרון מיט בראַנפן באַנעצן,
אָט אַזוי, ווי אַ שרייפל ביים קעראָט מיט בוימל,
ווען ס׳בלייבט שטיין די מאַשין אינמיטן פון דרעשן —

בין איך געלאָפן, ס׳זאָל נישט זען די מאַמע,
צום שאַנקל אינעם ווינקל, ווי ר׳האָט מיר געהייסן,
און געטראָגן דאָס פלעשל, ווי אַ הייליקן קרבן,
און אין דער האַנט, דער צווייטער — צוקער צו פאַרבייסן.

איך פלעג זיך צושאַרן צו זיינע האַרטע קניען
און אים גערופן צערטלעך, גראַד ווי זיינע קינדער:
— דערצייל מיר שוין „טאַטוניאַ”, איין מאָל ביזן סוף,
ביסט היינט דאָך אַזוי גוט, אַז פּשוט ס׳נעמט אַ וווּנדער.
נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן —

ער איז געווען ביי אונדז אַ צוועלעף יאָר,
איך האָב מיט אים געגעסן פון איין גרויסער שיסל,
ער האָט געוועקט פאַר מיר דעם טאָג מיט הויכן שנייץ פון נאָז
און אים פאַרמאַכט מיט הארטן קלאַנג פון אַלע זיינע שליסל.

נאָר דעם אָפּענעם שפּאַלט צו די טראַקטן פון לעבן,
וואָס ס'האָט די אויפגעוועקטע בענקשאַפט געלאָזט, ווי אַ שרינט,
האָט קיין איינציקער שליסל נישט געקענט מער פאַרמאַכן
פון זיין גרויסן, קלינגענדיקן בינט.

בין איך געגאַנגען מיט דער שמאָלער סטעזשקע,
מיט אויגן פאַרמאַכטע און אַ זעעוודיק הארץ,
געבליבן שטיין ביי יעדער פרעמדער שוועל,
געבוקט זיך צו איעדן פרעמדן שמאַרץ,

ביז ס'האָט דער אָוונט, ווי אַ גראָע קוואַקע
מיט ווייכע פליגל באַדעקט און באַהיט
דאָס רויטלעך-קיילעכדיקע איי פון זון.
און מיין שריט איז געוואָרן שווער און טרויעריק און מיד.

און היינט — היינט קלער איך נישט איין מאָל דערפון
גיין אין דעם שטילן, קליינעם דאָרף צוריק
(מסתמא וועל איך יורקען טרעפן אויף דעם ברייטן אויוון
ביים וויגן זיינע אייניקלעך אין וויג),
אים נעמען ביי דער האַנט און קוקן אין די גראָע אויגן,
ביז ס'וועלן אויפטאַיען אין שמייכל אַלע זיינע קנייטשן:

— זאָג, יורקע, אפשר איז דאָס אַלץ געווען בלויז אַ ליגן,
מיין וואָגלען און מיין זוכן און מיין פרעגן,
און מיין לעבן אַ גרויסער טעות פון אלף ביז דער תו,
און כ'האָב די גאַנצע צייט אומזיסט געוואַרט,
ווייל דו אַליין האָסט קיינמאָל נישט געקענט דעם סוף?

פּאַסטעך אין נעבערג

די ווייסע שאָף
אַ וואַסער־פאַל,
וואָס גיסט זיך
נאָך דעם פּאַסטעכס פּייפל
איבער דעם שטייניקן באַרג.

דעם פּאַסטעכס פּנים
ברוין און שאַרף,
געוויטערנאָענט
און מענטשנפרעמד,
אַ ציפּערבלאַט פאַר ווינט און זון,
וואָס נעמט די שעה אַראָפּ פון הימל.

דעם פּאַסטעכס פּיס —
אַ צווילינגספּאָר,
וואָס אַקערט יעדן טאָג אויפסניי
דאָס פעלזיקע און וויסטע פעלד,
וווּ ס'וואַקסן האַרטע לאַבנס שטיין.

און ער אַליין —
דאָס אייגנטום
פון צען באַלבאַסטעס אינעם דאָרף,
וואָס נעמט אַנטקעגן וויליק, שטיל
איעדן טאָג פון אַנדערע הענט
אַ שטיק פון האַרטן האָבער־ברויט.

ס׳פאַרטרייבט דעם טרוים פון פאַסטעכס שלאָף
דאָס שטרוי־געלעגער אין דער שטאַל,
די שאַרפע קעלט, דער ריח פון מיסט.

איז אין די לאַנגע ווינטער־נעכט,
צוגלייך מיט כראָמטשענדיקע קי
טון מעלה־גירהן זיינע אויגן
די זון, דעם הימל און דעם וואַלד,
און בלעטערן די גרינע ביימער,
ווי דינע זייטלעך פון אַ בוך —
ביז ס׳גיט זיך מיטאַמאָל אַ גאָס
איבער די טונקלע ווענט פון שטאַל
אַ ווייסער וואַסער־פאַל
פון שאָף,
וואָס זוכט דעם פאַסטעכס פייפל־רוף.

קינדער אין פּאַרק

די שפּיציקע הויקערס פון קינדערישע, שמאָלע פּלייצעס
שניידן זיך אַריין אין פרייד פון האָניקפולע, זומערדיקע טעג,
ווי קרומע ווענט אין רואיק אָטעמדיקע גאַסן.

פול מיט וויסן פון טויט און אָנונג פון לעבן
שפּאַרט זיך אָן דער גרויסער קאָפּ אויף דינעם שטענגעלע פון האַלדז,
ווי גרין־געלער אַרבוז, וואָס הענגט איבער פּלויטן
און ווערט געבלייכט פון פריע, אומגעריכטע היצן.
און הענט, וואָס זענען ביינערדיק, ווי גראַבליעס,
און פּאַר דעם קליינעם גוף צו לאַנג,
שלעפּן זיך נאָך פון ביידע זייטן,
ווי צוויי צעבראָכ׳נע פליגל פון א ווילדער גאַנדז.

ביי יעדן שפּרונג און לאַבן פון די געזונטע קינדער
באַהאַלטן זיך אין שאָטן פון דעם קײלעכדיקן שטערן
די גרויסע אויגן, ווי כוסהלעך מיט ווײן און גיפט.

ס׳טוליעט זיך פאַרשעמט צו האַרטע אָנלענס
דער הויקער, אָנגעשוואָלן פון די מענטשנס בליקן,
וואָס שלאָגן צו, ווי טשוועקעס צום צלם פון דער גאָרטן־באַנק
דאָס קאַרלעוואַטע, קינדערישע לייב.

אַ קויש מיט ציטרינעס

אַ האַרטער זעץ פון אַן אייזנבאַשלאָגענעם שטיוול,
אַ קלאַפּ פון אַ שווערן שטעקן אין דער מיט,
וואָס האָט פאַרגעסן אין דער גרויזאַמער האַנט,
אַז אַמאָל האָט ער אויך געקנאָספּט און געבליט,

און אַ קויש, ווי אַ ברוינע, צעלעכערטע פרוכט
האָט זיך אָפּגעריסן פון צוויי פּרויאישע הענט,
פון אַלטע צוויי הענט, אָדערן־דורכוועבטע,
געגאַרבטע פון שמוץ, פון ווינט און פון קעלט.

און געלע, לענגלעכע זונען
מיט שפּיציקן האַרץ און פאַריסענער נאָז,
האָבן זיך אויסגעשיט פון ברוינעם קויש
אויף דעם שניי־באַדעקטן, שריט־באַדראָטן שטראָז.

געקוילערט זיך גיך, געקוילערט זיך שטייף
די אַלטע צוויי הענט פאַרביי,
וואָס האָבן מיט פינגער, ווי פליגלען צעשפּרייטע
פאַרדעקן געוואָלט דאָס געלע, גאָלד־זוניקע איי.

נאָר ס׳האָבן די ציטרינען, ווי לענגלעכע ווערטענעס,
קייקלענדיק זיך אַלץ אויפסניי
גערייצט זיך מיט די אַלטע, פראָסט־פאַרשטאַרטע הענט
און געשפונען, געשפונען דעם ווייסן, דעם פוכיקן שניי.

און עס איז שוין די קעלט פון אַ טונקעלן אָוונט
געקראָכן צו די נאַסע ווענט פון קליינעם שטיבל,
וועלכע ס׳האָבן געזאָלט דערוואַרעמען די נאַכט
מיט ברויט און מיט נאַפט
די שמייכלענדיקע זונען
פון פרילינג־שמעקנדע ציטרינען.

אַ סאָסנע־בוים

אַ סאָסנע־בוים —
איין העלפט פאַרקלעמט אין האַרטן ליים,
די וואָרצלען נאַקעט, אָפּגעדעקט,
אויסגעשפּרייט איבער אַ תהום,
ווי שאַרפע נעגל פון אַן אָדלער,
וואָס זוכט אַן אַנלען, אָדער רויב.

עס ברענט די זון
און טרינקט די פייכטקייט אויס,
עס יאָגט דער ווינט
פון לינקס, פון רעכטס
און שאָקלט אָפּ
די לעצטע גרידע ערד
פון וואָרצל־געפלעכט.

נאָר ס׳וויל נישט שטאַרבן דער סאָסנע־בוים —
נישטאָ קיין וואַסער, טרינקט ער לופט,
נישטאָ קיין ערד, איז זויגט ער טוי,
ער שניידט דעם ווייטן בלאָען רוים

מיט טונקלע בייטשן פון די וואָרצלען,
און צווישן שטיינער, איבער תהום,
עס וועט נ י ש ט שטאַרבן
דער סאָסנע־בוים.

רויטער מאָן

די שטענגלעך — האַריקער און שלאַנקער גוף,
די בלעטלעך זיינע — פריש און וואַרעם בלוט,
און ס׳איז דער ריח האַרב און ביטער־זיס,
ווי ס׳וואָלט מיין קינדהייט זיך אויפּסניי צעבליט.

די מיטאָג־שעה, פאַרשטאָכן פון דעם גיפט,
וואָס רויטער, ווילדער מאָן שיקט איר אַקעגן,
הענגט שווער און נידעריק אויף באַרג און טאָל,
הענגט שווער און נידעריק אויף טייכן און אויף ברעגן.

מען טרעפט אים אומעטום, אין פעלד, ביים ראַנד פון וועגן,
ווי ס׳וואָלט די ערד פון לאַנגן טרוימען מיד,
צום הימל זיך צעעפנט מיט די רויטע שטערן
און אויסגעפיבערט דאָס פלאַמענדיקסטע ליד.

מיין היים

מיין מאַמע האָט צעטיילט אירע יאָרן
צווישן הונדערט יאָך פעלד און אירע דריי קינדער.
עס האָבן זיך אירע איינזאַמע, יונג-אלמנה-נעכט
געבערגלט מיט טרוימען פון גערעטעניש זאַטן
און אונדזערע קיילעכדיקע, רויטע קינדער-בעקלעך.
אירע שעהען, ווי בינען האָבן געזשומעט מיט טויזנטער זאָרגן,
און ס׳האָט איר אַרבעטספולער טאָג
געצייכנט דעם זונוועג פון פרימאָרגן ביזן אָוונט
מיט ריטשקאַלעך שוויים אויף איר פנים.
דורך אירע שבתים איז געפלאָסן, ווי געשעפּטשעטע תפילה
די האָפנונג פון צעכוואַליעט-געלע טייכן תבואה,
און איר האַרץ, ווי אַ ליפּ
האָט אויסטרינקען געוואָלט די שוואַרצע האָגל-כמאַרעס,
וועלכע האָבן גאָר אָפט אין זומערדיקע טעג
זיך אַרויפגערוקט אויף אונדז פון אונטערן וואלד,
ווי צערייצטע, שווער לייביקע קי —
געוואָלט צעטרעטן די וועלט אונטער זיך
און יענע פופצן יאָך פון צייטיק-געלן ווייץ,
וואָס איז געשטאַנען נישט באַוואָרנט אונטער פרייעם הימל,

בלויז מיט זאַנגען, ווי מיט גראָבע און הילפלאָזע פינגער
געטייטלט אַרויף אין שרעק און דערשטוינונג.

און אַז ס'האָט דער ערשטער, פאַרנער ווינט,
ווי אַ קאַץ פאַרטשאַיעטע צום שפרונג
אויפגעהויבן פון דער ערד די היץ
ביז צו די ביימער־שפּיצן,
און אַ רים געטון די ערשטע, בלאָנדע זאַנג
פון מאַנדעלן מיט קאָרן,
וואָס זענען געגאַנגען אין מיטן פון פעלד,
ווי אַ שורה געגדז צום קליינעם, בלאָען טייכל פונעם הימל,
איינגעקלעמטן צווישן ברייטע ברעגעס פון די כמאַרעס —
האָט זי אונדז באַהאַלטן דעמאָלט ערגעץ אין אַ ווינקל,
ווייט פון פענצטער בליך־צעאַקערטע, פון קוימענס און טירן,
און ס'האָט זיך שוין איר קול געראַנגלט מיטן שטורעם
ביים צונויפרופן פון פעלד ס'בהמות מיט די היטער.

עס האָט זיך אונדזער מאָזלען אויסגעגלייכט כמעט
מיט קליינע, אייביק קראַנקע אינדיקעס,
וועלכע מען האָט געמוזט אין קילע רעגן־טעג
איינטוליען אין שמאַטעס אויפן אויוון
און אין די אָפּ'נע, פּישטשעשעדיקע מיילער
אַריינגיסן די ווייסע, זיסע מילך.

עס האָט איר האַרץ געבלוטיקט מיט אַ יעדן צווייג,
וואָס ווילדע שקצים האָבן אָפּגעבראָכן אינעם סאָד,
אַזוי ווי דעמאָלט, ווען זי האָט דערזען מיין האַק־צעשפּאָלטענע באַק
אונטערן סאַמע אויג.

נאָר ס'איז אומזיסט געווען איר גאַנצע מי און זאָרג,
עס ווינען היינט שוין פרעמדע מענטשן אין מיין היים —
פון וואָהאַניעס ברייט־צעאַקערט אונטער בוראַקעס און קלעע
זענען איצט געוואָרן שמאָלע פויערן־בייטלעך,
וואָס קומען מיט איעדן זומער נענטער צו דער שוועל פון הויז
אויף דאַרע פיס פון די פאַסאָליע־טיקעס.

איך האָב געהערט, אַז ס'פעלט איבער דער שטאָל אַ האַלבער דאַך,
און ס'זענען אַ ל ע קאַרשנביימער אויסגעפרוירן אינעם סאָד.
ס'האָט אָבער נישט געקענט, ס'האָט נישט געטאָרט זיין אַנדערש —
מיך האָט אַוועקגעיאָגט מיין אומרו פון מיין היים,
פון גרינע לאָנקעס און פון קאַרשנביימער
אין שטעט, וואָס ברענען מיט אַספאַלט די פיס אפילו דורך דעם
שטאַרקסטן לעדער.

װאָס איז מיין לעבן, ווי אַ הויז אָן פענצטער און אָן טירן,
פריי פאַר אַלע ווינטן און פאַר אַלע שטורעמס,
און מיין האַרץ, ווי אַ ליפּ,
וויל אויסטרינקען די שוואַרצע כמאַרעס איבער קוימענס
פון פאַבריקן,
וואָס האָגלען מיט האַרטע טראָפּנס מענטשן־שוויים
און רעגענען מיט קינדערישע טרערן.

די שמאָלע סטעזשקע

מסתמא איז נאָך היינט פאַראַן די שמאָלע סטעזשקע,
וואָס געדענקט דיינע טריט,
און ס׳בליט נאָך אַלץ ביים ראַנד פון וועג
אין זומערדיקע טעג
דער רויטער, זיסער קלעע,
אַזוי ווי דעמאָלט,
ווען ביסט געגאַנגען
שבת פון דאַווענען אַהיים
איבער דעם לאַנגן, שווערן באַרג פון ליים.

עס האָבן דיינע קלוגע, גראָע אויגן
נישט צולאָזן געוואָלט די אַנונג פון טויט,
און ווי בינען די פעלדער כוואַליקע געזויגן,
וואָס האָבן געשמעקט דורך גרינקייט מיט ברויט.

נאָר, אַז עס האָבן דיינע מידע טריט
זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין די פאַרשיד׳נע זייטן,
ווי שאָף אויף אַ וועג, אַ ברייטן
האָסטו זיך דעמאָלט אָנגעשפּאַרט מיט דיין האַנט

אויף מיין ברוינעם, קינדערישן קאָפּ,
אַז קיינער זאָל דיין שוואַכקייט נישט דערזען,
(עס דאַכט זיך, אַז דער באַרג נעמט קיינמאָל נישט קיין עק)
און געהיטן דעם סוד,
פון וועלכן ס'האָבן בלויז געוווסט
דו, דער טויט און דער ליימענער וועג.

און ווען מיינע אויגן,
דערשטוינטע,
האָבן געשפּילט מיט אַ האַלבן פאַרשטיין,
האָסטו מיט פאַרשלאָגענעם אָטעם
געוויזן, ווי די וועלט איז שיין
און געלערנט מיך ליבן דאָס לעבן.

עס איז פון דיינע ווערטער אויסגעוואַקסן
דאָס וווּנדער פון לענדער, פוןביימער, פון בלומען —
נאָר ס'האָט געשמייכלט טרויעריק־שטיל דיין פּנים,
ווען ס'איז דיר אויסגעקומען דעמאָלט גראָד צו רעדן
וועגן דער באַשייד'נער, היימישער צענטאָריע,
וואָס טוליעט איין פאַרשעמט די קליינע, ראָזע בליטן,
און איז דאָך אַזוי ביטער, ווען מען מוז זי טרינקען
אַ יעדן אינדערפרי אַלס ברוינעם טיי,
ווען ס'קענען שוין נישט העלפן מער,
נישט שטשאַוויניצע, נישט זשענטיצע פון ספּאַס,
כדי צו קענען אויפהאַלטן דאָס שוואַכע פלעמל לעבן
אַ חודש, אָדער צוויי.

כ׳געדענק שוין נישט געגוי, וואָס האָסט געזאָגט מיר דעמאָלט,
נאָר היינט נאָך, נאָך אַזויפיל לאַנגע, לאַנגע יאָרן,
ווען כ׳בין איינזאַם און הפקר, ווי אַ סאָסנע אין ווינט,
טרינק איך, ווי דו אַמאָל דעם ברוינעם טיי,
דעם ביטער־זיסן טעם פון דיינע ווערטער, פאָטער,
אַ יעדן טאָג אויפסניי,
אַז כ׳זאָל נאָך קענען אויפהאַלטן אין זיך דאָס ביסל גלויבן
אַ טאָג, אַ חודש, צוויי.

צו קאָמפּס פון װעגן

1939 — 1941

חלום

ה. לייוויקן — אין טיפסטער פאַרערונג.

אין ווינטערדיקע, ווייסע נעכט
ווען שאַרפע ווינטן וואָיען, יאָמערן און לאַכן,
שניידט די לבנה מיט איר שפּיציקן האָרן
אַ נייעם וועג דורך דעם שנייאיקן תהום,
כ׳זאָל נישט קענען פאַרבלאָנדזען אויף מיין וועג אַהיים
פון ווייטע וועלטן-שליאַכן.

שטיי איך לאַנג אַקעגן אַלטן, שטרוי-באַדעקטן הויז
און כ׳וואַרף אַ בינטל היי אונטער צעפוילטן פּלויט
פאַר סאַרנעס בויגיקע און ברוינע האָז,
וואָס ס׳טרייבט דער הונגער פון טיפן וואַלד אַרויס.

פאַלט מיין טרער — און ס׳הויבן אָן צו קנאַספּן אויף שמאָלע הירשן-
קעפּ
די טרוק׳נע, שאַרכענדיקע צווייגן פון די הערנער
און צעבליען זיך מיט שטערן שנייאיקע,
ווי פרילינגס-צייט מיט ווייסן צוויט די דערנער.

איך שטיי און וואַרט —
אפשר וועט אויפגליען דערנעבן בורשטינען־געלער בליק
פון מיין קאַץ, וואָס איז אַוועק אין וואַלד
אין יענעם טאָג, ווען כ׳האָב פאַרלאָזט מיין היים,
און קיינער האָט זי מער שוין נישט געזען צוריק.

איך שטיי און וואַרט —
אפשר וועט זיך דורכגליטשן דער שאָטן פון מיין באָבע חיה,
ווען זי גייט אין שטאַל מיט פיס־בענקל און עמער
מעלקן איר קו, די „קוויאַטע״, די געטרייע,
וואָס זי האָט קיינמאָל קיינעם נישט געטרויט
ביז צו איר סאַמע טויט.

איך שטיי און וואַרט —
אפשר וועט דאָ פּלוצים אָנקומען פון יענער וועלט
מיט צעשמייכלט־ווינקענדיקע אויגן,
איינס טונקל־שוואַרץ און ס׳צווייטע טויבן־גראָ,
מיין פעטער הערש אויף נאַכטלעך־שטילן ראַנדעווו
מיט אַ יונגער, היים־בלוטיקער מויד —
און ס׳וועט אַנטקעגנקומען אים די מומע דבורה
און אים דעם וועג פאַרשטעלן מיט איר ברייטער שאַל,
וואָס פליסט אַרום איר פּלייצע, ווי אַ טונקלער קוואַל.

איך שטיי און וואַרט —
עפּעס הערט זיך אַ יאָגן, אַ געוואָי, אַ געשריי,
ס׳איז דער וואַלד ביינאַכט אַזוי נאָענט און גרויס —
אפשר קומט ער צולויפן צו מיין זיידנס הויז
און מאָנט ביי אים צוריק די סאָסנעס דריי?

שאַ, עס רופט מיך עמעץ, עמעץ קלאַפּט אין שויב,
כ׳דערקען מיין פאָטערס שמאָלע, שלאַנקע האַנט —
ער האַלט שוין גרייט פאַר מיר זיין ברייטן בערן־פּעלץ:
„קינד, קום אַריין, עס טאָגט און דיר איז קאַלט״.

כ׳בין אַזוי קליין און דער פּעלץ — זע נאָר, אַ מין גרייס!
און שמעקן שמעקט ער אַזוי גוט, כ׳געדענק נאָר נישט מיט וואָס,
כ׳וויל זיך דערמאָנען...
נאָר אויף דער גראָער וויע פונעם הימל
הענגט שוין די געלע, בלאַסע טרער פון זון
און טריפט אַראָפּ אויף שפּורן פריש און דין
פון סאַרנע און האָז,
וואָס זוכן דעם זומער און דאָס גראָז
אויף די פאַרשנייטע, טרויעריקע וועגן —
און אויף מיין חלום,
וואָס קומט זיי דאָרט אַנטקעגן.

ערב רעגן

ביימער באַדעקט מיט גראָעם שטויב,
ווי וואַנדערער, וואָס רוען אוים פון וועג,
האָבן מיד געדרעמלט אין דער מיטאָגדיקער זון.

כמארעס, ווי היעראָגליפן,
האָבן זיך געבונדן אין טונקעלע שורות
און געוואָלט פאַרטייטשן דעם ווילן פון הימל
דער הייסער, דורשטיקער ערד.

נאָר איידער ס׳איז פאַרטיק געוואָרן די שריפט,
האָט שאַרפער ווינט די אותיות צעריסן
און געצויגן פון מזרח קיין מערב
די סטענגעס פון הימל.

האָט אַ בייזער געמרוטשעט דער דעמב:
— שוין וואָכן, ווי ס׳ברענט אונדז די היץ,
און כאָטש כ׳גראָב מיינע וואָרצלען
וואָס טיפער אין ערדישן קלעם,
ווערן געל מיינע בלעטער און וויאַנען

און שמעקן פריצייטיק מיט טויט,
און דער מאָך אויף מיין רוקן ווערט טרוקן און רויט
און קריכט אויף מיין גוף, ווי אַ פלאַמיקע גריוווע —

די בערעזע, ווייכהאַרציק און מילד,
האָט געשעפּטשעט שטיל צו דעם דעמב:
— דו ביסט גרויס, דו ביסט שטאַרק,
און ס׳קענען אַפילו חדשים פון דורשט
נישט שוועכן דיין שטאַם,
אָבער זע —

אין קרייז פון דיין וואָרצל-געפלעכט,
וואָס זויגט אויס דעם מאַרך פון דער ערד,
ווערט פאַרשרפה׳ט, פאַרטרוקנט יעדע פלאַנץ, יעדע בלום
און ס׳איז קורץ זייער לעבן,
בלויז געמאָסטן מיט טעג —

נאָר דער דעמב האָט געהויבן די צווייגן מיט גאוה,
ווי ער וואָלט זיך געעדותט מיט הימל און זון
— וועט וויאַנען אַ גראָז, צי אַ בלום,
וועט קיינעם נישט אַרן אַפילו,
וואָס זענען דען זיי?
מיסט,
מיסט, וואָס מאַכט פעטער די ערד
פאַר מיר און מיין גאַנצן געשלעכט.

די טאָפּאָליע, וואָס האָט מורא פאַר אַלץ

און אַנטלויפֿט מיט די בלעטער פֿאַר דעם מינדסטן ווינט,
האָט געציטערט, געשטאַמלט,
די בלעטער, ווי בעטנדע הענט
געהויבן מיט דלאָניעס אַרויף
צו דער שטילער בערעזע.
— הער שוין אויף, הער שוין אויף,
ווערסט חלילה דערצערנען דעם דעמב, אונדזער האַר —

די קלעטער־פּלאַנץ, וואָס האָט זיך צוגערוקט, ווי אַ שלאַנג
און געהאָרכט בגנבה,
איז געקומען צו שלייכן צו די פּלאַנצן און גרעזער
און געסיקעט מיט סוד:
— ש־ש־שאַ,
מען שמועסט ביי די „גרויסע",
אַז ס'וועט שוין קיין רעגן נישט זיין,
עס איז סוף, עס איז סוף און פֿאַרגיין —
האָבן אונטערטעניק זיך געלייגט אַלע גרעזער
אונטער גליאיקן סערפּ פֿון דער זון
און ווילִיק געוואַרט אויפֿן טויט.

נאָר די קראָפּיווע,
די אייביק מיאוסע און פֿאַרשעמטע,
פֿאַר חזירים דער פֿראַס,
דורך פּיסטריט צוגעווינט צו שווייגן און האַס,
האָט אויפֿגעשטעלט די שאַרפֿע, ווייסע הער'לעך,
ווי אַ יעזש, ווען ער פֿילט די געפֿאַר
און געשטאָכן, געוועקט מיט די רייד

די מידע, וויאַנענדיקע לייבער פון די בלומען.
— ווער רעדט דאָ פון טויט און פון סוף?
ס׳איז אַ ליגן —
ס׳מוז קומען דער רעגן!
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט,
ס׳וועט קומען זיין צייט.
נעמט אייך פעסטער צוזאַמען,
זאָלן אונטערשטעלן זייערע פּלייצעס די שטאַרקע
פאַר די,
וואָס מיט ווייכערע קני,
ס׳טאָר קיינער נישט וויאַנען, פאַלן פאַר דער צייט —

II

ביימער באַדעקט מיט גראָעם שטויב,
ווי וואַנדערער, וואָס רוען אויס פון וועג,
האָבן פויל געדרעמלט אין דער מיטאָגדיקער זון.
נישט געהויבן קיין בלאַט,
נישט גערירט מיט קיין צווייג,
ווען ס׳האָבן די ערשטע, קליינע כמאַרעס,
ווי ווייסינקע קעץ זיך געשפּילט מיט דער זון,
ווי מיט אַ ווייכן, געלן ביינוולקנויל.
אַ דעק צו
און אַ שפּרונג אַוועק
מיט געהויבענעם עק —
געקוקט פון דער זייט,
ווי דער קנויל וועט זיך רוקן צו מערב.

און ווידער געקומען,
שוין צו דריי און צו פיר מיטאַמאָל,
ביז ס׳זענען טיפער געוואָרן די שאָטנס אין טאָל.

ס׳האָט מיט חשד געקוקט די טאָפּאָליע צום הימל
— מען טרייבט שוין היינט ווידער קאַטאָוועס מיט אונדז —
אָבער היינט איז דאָס שוין נישט געווען מער קיין שפּאַס.
ס׳איז פאַרבייגעלאָפן דער ערשטער, פאַרנער ווינט,
ווי אַ האָז,
און איבערגעלאָזט נאָך זיך צווישן גראָז
אַ סטעזשקע שמאָל, ווי אַ שרינט.
שוואַלבן, ווי טונקעלע בליצן
האָבן צעאַקערט די לופט.
ס׳האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם די ערד.
און ס׳האָבן שוין חיות געטראָגן אין בלוט
דעם אומרו פון נאָענטן שטורעם.

ביז ס׳זענען געקומען פון הינטערן וואַלד
כמאַרעס, ווי לייבן מיט אויפגעשטעלטע גריוועס,
ווען זיי גייען נאָך נאָך דעם ריח פון קרבן.
מיט איין זעץ פון דער לאַפּע פאַרלאָשן די זון,
דאַן מיט די ווייסע, שאַרפע ציין פון בליצן
אין טונקלעם קאַרק פון הימל זיך אַריינגעביסן,
אויף לעבן און טויט.

שמועסן זיך דורך צוויי הויכע, שווערע בערג
מיט ברומענדיקן ווידערקול פון דונערן,

וואָס קוילערן זיך קרעכצנדיק און טעמפּ,
— העי, ברודער, שוין באַלד? —
און אַלס ענטפער אַ בליץ און אַ קנאַל און אַ טראַסק,
און ס׳ליגט שוין אויף צווייען צעשפּאָלטן
דער העכסטער, דער שטאָלצסטער,
דער דעמב.

שפּרינגט אויף מיטאַמאָל פון די צווייגן דער ווינט,
ווו ר׳איז געלעגן אין אַ לייכטן דרימל,
און מאַכט אַ וועג פאַרן רעגן,
וואָס בינדט צונויף מיט ווייסע, גראָבע שטריק
די ערד מיטן הימל.

שטעלן בלומען און גרעזער אונטער זייערע קעפּלעך,
און די ריקנס שווידערן מיט זיסעסטער דערוואַרטונג —
עס רוישט און עס פּויקט, עס זינגט און עס קלינגט
אויףביימער, אויף בלעטער, אויף גרעזער, אויף דר׳ערד,
און ס׳לאַכט שוין מיט גרינקייט די לאָנקע, דער וואַלד,
נאָר ס׳קענען די בלומען נאָך אַלץ נישט באַנעמען —
איז אַ סודען, אַ שושקען, אַ שטוינען, אַ פרעגן
— רעגן?
—רעגן,
ר־ר־ר־ע־ג־ן... —

אָ ערד

י. אַפּאַטאָשו ן

אַ ערד, געפּאַסעוועט אין ברייטע לאַנעס און אין שמאָלע בייטן,
ערד פון מיין היים, פון מיינע קינדעריאָרן,
כ׳האָב קיינמאָל נישט געוווסט, אַז ס׳קען דיך נישט סטאַיען אַפילו
אויף אַ קבר פאַר די, וואָס זענען אויף דיין שוים געבוירן.

אַ ערד, כ׳האָב קיינמאָל נישט געוווסט, אַז כ׳בין ביי דיר אַ פרעמדע,
געקומען בלויז צו גאַסט אויף פּופּצן, צוואַנציק דורות,
ווען כ׳בין געוואַקסן מיט דיינע פרילינגען און זומערס,
מיט דיין וואַלד, מיט דיין תבואה און אַלע דיינע פּרות.

מיין זיידע האָט דיך געקאַרטשעוועט מיט זיינע ברייטע הענט,
געריסן ביימער-פּניאַקעס און שווערע, גראָע שטיינער,
ביז ס׳איז געבליבן אַ ליכטיק-גרינער ווינקל
מיט בלאָעם טייכל-אויג אין מיטן ווענט פון ביימער.

בלויז סאָסנעס שלאַנקע דריי לעבן דער נייער שטוב
האָט ער געלאָזט, ווי שומרים טרייע אויף דער וואַך,
וואָס האָבן דאַן אַריינגערוישט אין מיין נשמה
זייער בענקשאַפט און טרויער מיט דעם גרינעם סכך.

אַ, ערד, מיר האָבן ביידע זיך פֿאַרקנסט מיט די געהיימסטע סודות,
עס טראָגט מיין גוף ביז היינט סימנים פֿון אונדזער טיפֿסטן בונד:
אויף הענט, אויף פּיס, אויף באַק, אונטערן סאַמע אויג
פֿון אַ פניאַק, פֿון אַ צווייג די אויפגעריסענע ווונד.

איך האָב צו דיר געטראָגן נישט נאָר מיין פרייד און טרויער,
דיר, ערד, האָב איך דאָס ליבסטע אָנפאַרטרויט:
מיין ערשטן זוניקן און ציטערנדיקן חלום —
ווען ס'איז מיין פויגל, מיין קאַנאַריקל געבליבן טויט.

מיט פעדערן אויפגעבלאָזענע אַרום דעם דינעם האַלדז
און נישט געענטפערט מיט קיין פּיפּס אויף מיין פאַרצווייפלט-ווילדן שריי,
האָב איך איינגעוויקלט ס'קליינע גופל אין מיינע שענצטע שמאַטקעס
און ד י ר געגעבן צו באַהאַלטן אונטער איינער פֿון די סאָסנעס דריי.

גאָר ווען איך האָב געוואָלט כאָטש זען אַ פעדערל פֿון מיין געליבטן פריינט
און אויפגעגראָבן דיך מיט מיינע נעגל אַרום דעם סאָסנע-בוים,
גענישטערט הינטער יעדער גרידע, געזוכט און האַפֿנונגסלאָז גע-וויינט,
איז שוין קיין זכר נישט געבליבן פֿון מיין זוניק-געלן טרוים.

און דאַן דאָס צווייטע מאָל — נאָר דעמאָלט האָב איך שוין פאַר-שטאַנען,
איך בין שוין דעמאָלט אַלט געוועזן קנאַפּע עלעף יאָר,

אַז ס׳וועט נישט העלפֿן מער קיין אויפֿגראָבן און וויינען,
ווען האָסט מיין פֿאָטער אַריינגענומען אין דיין לײמיק-פּײכטן טאָל.

האָסט מיטגעוויינט מיט מיר, בורשטינען-געלע זשיוויצע פֿאַרגאָסן,
ווען כ׳האָב אויסבאַהאַלטן צווישן זאַנגען מיין טרויער, ווי די גרעס-
טע שאַנד —
ווייל ווער חוץ דיר האָט נאָך געקענט אַזוי פֿאַרשטיין,
ווי שווער עס איז אַ קינד אָן ווייכן גלעט פֿון פֿאָטערס מילדער
האַנט?

דאָן בין איך שעהען-לאַנג געלעגן אויף דיין ברייטער ברוסט,
זיך איינגעהאָרכט אין דיין פֿאַרטאַיעט לעבן מיט מיין גאַנצן גוף,
און געוואַרט, צי ס׳וועט נישט דורכרייסן ס׳געפּלעכט פֿון וואָרצלען,
גרעזער,
ווי אַ דונער אונטערערדישער מיין פֿאָטערס ווייטער, ווייטער רוף.

און אַז איך בין געוואַקסן, ביסטו מיטגעוואַקסן אין דער הייך
צו הימל, צו שטערן, צו זון און צו רעגן —
האָסט איינגעזאַפּט מיט מיר דאָס אומענדלעכע גליק פֿון ערשטן,
גרינעם בלעטל
און דעם אומעט פֿון צעווייקטע חשוונדיקע וועגן.

און אין די לאַנגע ווינטערס, ווען ס׳האָט דיך צוגעדעקט דער אַנגע-
שיטער שניי,
און כ׳האָב דיך נישט דערגרונטעווען געקענט מיט מיינע קליינע שיך,
פֿלעג איך אויסזוכן אַ שפּעלטעלע, אַ קליינס אָרום אַ בוים,
כ׳זאָל קענען זען, אַז ביסט נאָך דאָ, אַז ביסט נאָך דאָ אונטער דעם
ווייסן פּוך.

און ס'האָט אין מיר געשווימט, געברוויזט דיין נאַקעט בילד,
געקלאַפּט אין מיין מוח, אין מיין האַרץ, אין מיין בלוט,
ביז כ'האָב ענדלעך פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען
און דיך ניי־געבוירן, דיך אַנטפּלעקט אין אַ ליד.

אָ, ערד, אַז איך וועל מוזן גיין פון דיר אָן קלייד, אָן שיך, אָן דאַך,
דאַן וועלן זיך אַ הייב טון, וועלן מיטגיין אַלע מיינע קברים,
און דו וועסט מיט לעכער ליידיקע, ווי אויגן אויסגערונענע
שטאַרן צום הימל לויטערן און בלאָעם.

אָ, ערד, אַז איך וועל מוזן גיין פון דיר אין גלות,
וועט דורכלויפן אַ ריס דורך דיין און מיין איעדן גליד,
און ס'וועלן בלוטיקן צוגלייך, אַ ערד, מיין היים־געליבטע ערד,
דו און איך און מיין ליד.

פשעמישל, יאַנואַר 1939.

פרילינג אין מיין היים

פרימאָרגן שניידט אויף די גאַסן,
וואָס שמעקן מיטן ריח פון פרישן ברויט —
ס'צעשפּאַלט זיך אין דער מזרח-זייט די רייפע פּרוכט פון הימל
צעשפּאַרט פון זונענקערל גליאיק-רויט.

די לעצטע שאָטנס פון נאַכט
ליגן איינגעקנוילט הינטער די הייזער-ווענט,
ווי מלבושים פון אַ וואַנדערער נאָך לאַנגן וועג,
וואָס האָט ענדלעך זיין בענקשאַפט דערפירט צו אַ ברעג.

די גרינע שווערטער פון איריסן
שפּיצן זיך אָן אָקעגן פרילינגדיקן הימל,
וואָס לאָזט זיך אַראָפּ מיט וואָלקנס גראָ און ווייך,
ווי זיי וואָלטן פאַרווירקלעכן געוואָלט
דעם דורות-לאַנגן חלום פון דער ערד
צו באַזיגן די הימלישע הייך.

די ביימער אָנגעלאָדן מיט די דינאַמיטן
פון צונויפגעלייגטע בליטן

וואַרטן אויפֿן ערשטן סיגנאַל
פֿון זונענשטראַל.

אויף סטרונע גילדענער
פֿון פֿליענדיקער בין
שפּילט דער פֿרימאָרגן
זיין צאַרטע, קלינגענדיקע מעלאָדי
און זוכט דאָס האַרץ פֿון בוים —

שיילט זיך אַרויס
נישט דרייסט,
צעקנייטשט,
ווי אַ קינדער-קליידל ביים שפּיל
מיט אַ פֿאַרטשעפּעטן זוים,
די ערשטע ווײנשל-בליט,
ווייסער טרוים.

פּשעמישל, מאַי 1941.

בוזשלען אין וועג

זוי אַ בויגן אויסגעשפּאַנט,
אַ בויגן רויט-ווייס-שוואַרץ,
פון אַפריקעס צעגליטן מדבר-לאַנד
צו אוקראַיִנעס מילדן, גרינעם האַרץ,
באַנאַנד מיט אַ לאַנגער פייגל-שנור,
געפלויגן איז אַ בוזשלען-פּאָר.

בלאָער, שטראַליקער טאָג
פעדימט זיך איין אין שנאָבלען שאַרף און שמאָל,
וואָס נייען צונויף די צעריסענע ברעגעס
פון הימל מיט ערד,
פון באַרג מיטן טאָל.

ס׳דאַכט זיך, ס׳איז אַלץ ווי אַמאָל —
נאָר פּאַרוואָס לויפן יינגלעך נישט אַרויס מיט „הור-ראַ!"
און ס׳וואַרצשען נישט מער פונעם פּלי אַלטע לייט,
און ס׳פּאַכען נישט מענער מיט היטלען פאַר פרייד,
ווען ס׳גיבן די פלוגעם די סקיבע אַ שנייד —
און מען טראָגט נישט אַרויס קליינע קינדער און קראַנקע,

כדי עס זאָל בוזשלישער פלי
אַ פעכער טון כוח אין די קליינינקע פיסלעך
און געזונט מאַכן קאַליקע־קני?

דער וועג
באַצייכנט מיט די מײלן־סימנים,
איינגעקריצטע אין אייגענעם בלוט
דורך דורות־לאַנגן מאַרשרוט,
און נאָענט דעם האַרץ
מיט יעדן טורעם־שפּיץ
און באַרג,
מיט יעטוועדער
נידער
און הייך,
איז אויך
געוואָרן פרעמד
און זיך אַליין פאַרלוירן
צווישן נעפּלען
און שרפה
און רויך.

דער הימל, ווי אַ גוססדיק אויג
פאַרגלייזט מיט טויט —
עס פאַלן זונען אין זיין טיף,
געשליידערטע מיט מענטשנהענט אַרויף
און לעשן זיך צישענדיק אוים.

די לופט איז צעאַקערט מיט אייזן,
גלייך ערד אין חשוונדיקער צייט,
בלעטערט זיך אָפּ מיט מחנות טויטע פייגל,
ווי אַ פאַרוויאַנעטע קווייט.

די נאַכט
קען אַליין נישט געפינען קיין דאַך,
בלאָנקעט אַרום צווישן ריפּן נאַקעטע
פון הייזער פאַרברענטע
און טוליעט זיך אונטער די פליגל
פון וואַנדער־פייגל פרעמדע.

נישטאָ קיין אָרט זיך אויסצורוען פון וועג —
אין יעדן וואַלד פאַרטשאַיעט איז פאַראַט,
און יעדער באַרג —
אַ פויסט אין שרעק פאַרשטאַרט,
און יעדעס הויז —
אַ נעסט פאַר בראַנד און פלאַם,
אַ נעסט פאַר אייער טונקעלע פון בליי,
און יעדער קוימען,
ווי אַן אָפן, טונקל מויל
פאַרגליווערט אין לעצטן געשריי.

אין בוזשלישן בליק
זילבערט זיך ווי אַ שטערן די טרער
פון אַ קינד,
וואָס וויגט זיך אַליין אין אַ וויג

צווישן ציגל, הרוגים און מיסט,
און דורך אָפענעם דאַך פון דער חרובער שטוב
זויגט עס מיט זשעדנע, הונגעריקע בליקן
די ווייסע, בוזשלישע ברוסט.

די פליגלען באַשווערט
מיט קריזשקעס פון פאַרטרוקנט בלוט,
וואָס האָט אַ טריף געטון פון הייך
ווי הייסער טל,
ווערן מיד
און ווייך
און יעדע פעדער,
יעדעס גליד
פילט זיך שוין אַליין
— אַלס טייל פון ערד
שטויב און ליים.

נאָר אומגעריכט
גיט די בענקשאַפט אַ רים
אין סאַמע מיט פון האַרץ,
— און אַ לעצטער פאַרמעסט
כאַטש איין מאָל נאָך אין לעבן
אַרומנעמען מיט פליגלען אויסגעשפרייטע
עפּל-ביימער צעבליטע
איבער דער אייגענער נעסט.

און אַט,
צי האָט

אויף אַן אמת
זיך געענדיקט די גרעניץ
געווירעט מיט בלוט?

עס שמייכלען מיט אַ בלאָנדן שמייכל
אַלע וועגן,
און ס׳לויפן גרינע תבואה-בייטן
זיי אַנטקעגן —
און אונטער ביימער,
עפּל-ביימער פּראָסטע,
וואָס אַנען ערשט דעם פרילינג מיט די האַרטע קנאָספּן,
די אַלטע, גוט באַקאַנטע שטוב פון ליים,
היים —

נישט צופאַלן גלייך,
דאָס האַרץ זאָל נישט פּלאַצן פאַר פרייד —
נאָר ענגער און ענגער,
קרייז נאָך קרייז,
מיט פליגלען,
מיט בליק,
פאַרציען אַרום נעסט
אַ שלייף פון גליק.

פּשעמישל, פרילינג 1941.

אויף חורבות

I

די שול

ס'שטייט די שול אָן דאַך, מיט די צעשפּרונג'נע ווענט,
ווי אַ ברונעם טונקלער, אָפענער פאַר רעגן און פאַר ווינט,
און ווי אַן עמער לאָזט לבנה זיך אַראָפּ
ביז צו דעם סאַמע האַרץ פון איר חרובן גרונט.

און שעפּט און שעפּט פון טיפן, טונקלעם דנאָ
דעם גאַנצן גרויל פון אומקום און פאַרגיין,
און ס'געשפּענסטערט דורך די אויסגעהאַקטע שויבן
איר קאַלט, פאַרגליווערט ליכט, ווי שטום געוויין.

ווי בלינדע בעטלער טאַפּן אין דער פינצטער די פילאַרן,
ווילן אַנטלויפן פון די אָפּגעסמאַליעט-נאַקעטיקע ווענט,
נאָר ס'פאַרשטעלן זיי דעם וועג צום שטערן-זאַטן הימל
פון טיפעניש די שאָטנס — ווי בעטנדיקע הענט.

פשעמישל, חשוון 1939.

II

די שטאָט

אַרום פֿאַרברענטער שול אַ וואַל פֿון ציגל, גלאָז,
ווי ס׳וואָלט דער טרויער זיך פֿאַרשאַנצט פֿאַר יעדער טרייסט —
עס יאָגן זיך דאָ אין די נעכט בלויז הינט אַרום און קעץ
און ס׳בלאָנקעט פֿון פֿאַרברענטע אותיות דער גייסט.

עס קומט אַהער דער טאָג מיט שיקלדיקער שיין
און מעסט די גאַסן, ווי תכריכים פֿאַר דער שטאָט,
וואָס שטאַרט מיט בלינדע, אויסגעהאַקטע שויבן,
ווי ס׳וואָלט אין זיי געשפּיגלט זיך אַ טויטער גאָט.

נאָר, ווען ס׳באַווייזט זיך מיטאַמאָל ביים ראָג אַ האַקנקרייץ
און שניידט זיך איין אין גאַסן מיט גרויזאַמקייט און ווּט,
דאַן אַנטלויפֿט פֿון דאָרט די לעצטע שיין פֿון טאָג
און ס׳שרייען בלויז די שטיינער מיט פֿרישן מאַרך און בלוט.

פּשעמישל, חשוון 1939.

דאָס לעצטע העמד

דאָס לעצטע העמד — נישט איין מאָל הערט מען אָט דאָס וואָרט,
דו מוזט עס אָבער זען מיט אויגן אייגענע, צוויי שריט קוים פון
דיין הויז,
ווי ס׳שטייט אַ מענטש מיט אַפּ׳נער, נאַקעטיקער ברוסט
און ס׳שעמט די ווינטערדיקע זון זיך צוצורירן צו זיין בלויז.

ער שטייט און האַלט אויף אָרעם איינגעבויגענעם זיין העמד,
ערשט אויסגעטון פון זיך דערנעבן אין אַ טויער —
סע טשאַיעט זיך נאָך וואַרעמקייט פון גוף אין יעדער נאָט
און קנייטש,
נאָר ס׳וויאַיעט שוין פון אים פאַרלאָזנקייט און טרויער.

עס קומען קונים צו, צעשפּרייטן עס, באַטאַפּן,
באַקוקן יעדן קנאָפּ און זוים אונטער דער זון,
ביז ס׳גיבן זיך די אַרבל אַ בלאָז, אַ הויב אין ווינט
און נעמען זייער האַלדז, ווי טויטנהענט אַרום.

פשעמישל, חשוון 1939.

מײַן גוף

מײַן גוף איז נאָך װי בײמער־שטאַם אין װאַלד
געװענדט צו דער הײך מיט אַלע זײַנע גלידער,
די בענקשאַפט גרינט אױפסנײ
מיט יעדער יונגער ליבע —

נאָר מײַן שאָטן,
װי אַ שלײער
אױסגעװעבט פון דינסטן טרױער
נעמט שױן פון מײַן געשטאַלט די מאָס
פאַר װאַרטנדיקער ערד,
פאַר פײַכטן גראָז.

פרירט דער זומער־טאָג
אין רעם אַרײַנגעפּאַסט
פון שמאָלן שאָטן־פּאַס,
און טונקלער װערט דאָס גראָז
בײַ מײַנע פיס,
גלײַך ס׳װאָלט עס גראָד באַרירט
דער ערשטער הױך פון האַרבסט.

מיין שאָטן,
ווי אַ שלייער
אויסגעוועבט פון דינסטן טרויער
נעמט שוין פון מיין געשטאַלט
די מאָס
און פאַרשוועסטערט מיך
מיט וואַרטנדיקער ערד,
מיט פייכטן גראָז —
און אין מיין בלוט
הער איך וויינען די וועלט
און דאָס נישט געבוירענע ליד.

פשעמישל, מאַי 1941.

קיימלאָזיקייט

1947—1941

מן־הסתם

מן־הסתם האָט עס געדאַרפט אַזוי זיין,
אַז כ׳זאָל, אויפן לייב דאָס איין־איינציקע העמד,
אויף די פּים די לעצטע, צעריסענע שיך,
וואַגלען טויזנטער מיילן איבער טרייסטלאָזער פרעמד.

עס זאָל מיט חשד מיך אויפנעמען אַ יעדע שוועל און טיר,
און ס׳זאָל די היימלעכקייט פון שטוב, די וואַרעמקייט פון ווענט,
דאָס פייער אונטער קיך נישט זיין פאַר מיר געגרייט,
דער שמייכל פון אַ מאַמען נישט זיין צו מיר געווענדט.

און דאָס נאַקעטע ברעט, וואָס איז קישן און בעט,
זאָל מיר צוקאָפּנס נאָך האַרטער זיין פון שטיין,
עס זאָל מיך אויסמיידן אפילו בלאָער חלום,
וואָס שטייגט מיט לייטער גילדענער צום ווייטן הימלס־פליין.

מן־הסתם האָט עס געמוזט אַזוי זיין,
אַז מיט פייער זאָל גליען הינטער מיר וועג און בריק,
און ס׳זאָל מיך פאַרוואַנדלען אין אַ זאַלציקן שטיין
יעדער בליק, וואָס שטרעבט אויף צוריק.

און ס'זאָל ווערן צו שטויב און ס'זאָל ווערן צו אַש
די אַרבעט, די מי פון אַלע מיינע יאָרן,
און כ'זאָל ווערן מיט יעדן ליד, ווי דו, מיין גאָט,
מיט יעדן נייעם פרילינג, נייגעבוירן.

אופּאַ, סעפּטעמבער 1941.

אופימער ערד

אָ, ערד, אופימער ערד,
מיט דיין בייזער, אומהיימלעכער רויטקייט
לויפסטו מיר נאָך אפילו אין טרוים,
ווי די רויטע קו, וואָס האָט מיין קינדהייט געשראָקן —
א ווילדער, צערייצטער, באַהאָרנטער תהום.

אָ, ערד, אופימער ערד,
פאַר וועלכע זינד האָט דיך געשטראָפט דיין גאָט,
אַז ביסט געוואָרן אַזוי גרויזאַם רויט?

וויפל אייזן פון שווערד און פון שפיז
איז אָפּגעגאָן מיט זשאַווער אין דיין שוים —
וויפל בלעטער אָפּגעריסענע פּאַרפּרי דורך שטורעם און ווינט,
וואָס האָבן נאָך נישט אויסגעשעפּט פון צייטיקייט דאָס גליק,
פּיבערן אין דיר די בענקשאַפט זייערע אוים?

וויפל האָס פון אור־אור־צייטן גליט עס אין דיין מיט
און שרייט אַרוים מיט קינס שולד און הבלס יונגן בלוט,
אַז אין דיין אָנגעזיכט

לעשט אוים אויף אַכט חדשים לאַנגע
די זון איר ליכט?

אָ, ערד, אופימער ערד,
ס'שמעקט נישט דיין לייב
מיט בענקשאַפט צו ווייץ און צו קאָרן,
גלייך ס'וואָלטן אַלע פרילינגען
דעם וועג צו דיר פאַרלוירן.

עס שמעקט דיין נאַקעטקייט מיט שימל און מיט קבר,
און אז איך קוק בלויז אריין אין דיין טיף,
כאַפּ איך זיך אָן ביי יעדן גליד און אבר,
צי ס'האָט מיך נישט פאַרסמט דיין בלויזער הויך,
צי ס'האָט מיך נישט געטויט דיין שטילסטער רוף.

אָ, ערד, אופימער ערד,
דו ווייסט, אַז שפּעטער, אָדער פריער
וועל איך אַריינפאַלן אין דיר,
אין דיין נאַקעטער, אָפענער טיף,
ווי דאָס בלאַט פון טרויריקייט געל,
און פון איינזאַמקייט מיד.
איילסטו זיך נישט צו גיך,
נאָר פאַמעלעך דורך לעבער פון מיינע צעריסענע שיך
קלעבסטו אַרום מיינע פיס,
נעמסטו אַרום מיין גוף,
און כ'פיל שוין דיין שאַרפן שטאַכל אין מיין בלוט,
און כ'פיל שוין דיין בייזן אָטעם אין מיין יעדן גליד —

צי קען עס זיין, אַז ערגעצווו וואָרט נאָך אַן אַלטע מאַמע
מיט אַן עקשנותדיקער זיכערקייט פון שעה צו שעה,
און ביי די ווענגראַנדן פאַרטרוימטע שטייען ליפּעס,
דאָרט, ווו די ערד איז אַזוי פּשוט שוואַרץ,
ווו ס'איז דער הימל אַזוי פּשוט, אַזוי קינדיש בלאָ!

אופּאַ, סעפּטעמבער 1941.

אין וועג

גלאַנציק־שאַרפע ווילעם פון די רעלסן
שטעכן זיך אַריין אין ווייטן האָריזאָנט,
ווי אין אַ פריש־געשניט׳נעם, ווייצעדיקן סנאָפ
דורך מזרחדיקער זון געצייטיקט און געברוינט.

ווי שוואַרצער באַנוול איז דער לאַנגער צוג,
מיט וועלכן ס׳נייט דעם שטח
שטאָך ביי שטאָך
דער שאַרפער, גליענד הייסער טאָג.

די ברוינע, נאַקעטיקע ווענט
פון די וואַגאָנען
זענען אויף וואָכן און אויף טעג
אַ היים,
אַ ברעג
פאַר דער היימלאָזיקייט אַליין,
פאַר טרערן, פאַר לייז און פאַר לייד
און פאַר מיר,
וואָס כ׳שטיי אין דער מדברדיקער מיט

אנטקעגן אומענדלעכער גלות,
ווי אַ משכּון,
וועלכן עס האָט דער גורל פאַרזעצט
ביי דער ווילדסטער און גרויזאַמסטער צייט —
אַ בינטל ביינער און אַן עמער בלוט.

אופאַ־פּערגאַנאַ, אָקטאָבער 1941

ביים קוואַל

דרייביימער איינגעבויגן איבער שמאָלן קוואַל,
ווי אַלטע כישופמאַכערינס, וואָס היטן זייער סוד
פאַר אומרחמנותדיקן מדבר׳שן געבאָט.

דער לאַנגער קאַראַוואַן פון דאַרע טעלעגראַפן־סלופּעס,
אָנגעלאָדן מיט דער פרייד און טרויער פון אַ ווייטער וועלט,
וואָס גייט פאַרביי דאָ מיט זיין אויסגעפּרוווטן שליאַך,
האָט ווי צום מאַרגנטראַנק ביים קוואַל זיך אָפּגעשטעלט.

און ס׳איז די פרוי, וואָס קומט צו רייטן אויפן קעמל,
ווי אַ בלאַט פון אַלטן, פאַרגעלטן תנ״ך —
איר שמאָלע, ברוינע האַנט
וויגט צווישן האָרבן צוויי
אַן איינגעוויקלט קינד.
איר פּנים, ווי די מדבר ברייט און פלאַך,
די אויגן שיף און שמאָל,
ווי זיי וואָלטן זיך שטענדיק געווערט
פאַר קערנדלעך זאַמד

און פאַר סטעפּישן ווינט,
וואָס טראָגט זיך מיט אימה
פון טאָל ביז צו טאָל.

ס'איז מיר אַזוי באַקאַנט דעם קעמלס גאַנג און שריט —
ער האָט דאָך שוין געוויגט מיין אור אור־באַבעס טרוים,
וואָס האָט דעם נאַקעטיקן, שטעכעדיקן דאָרן
פאַרוואַנדלט אין אַ נס פון גרינענדיקן בוים.

אַזוי בין איך אַליין געריטן שוין אַמאָל
אויפן ראַנד פון קינדערישן שלאָף,
פאָלגנדיק אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן רוף,
צו די געלע בלעטער פון תנ"ך
און באַפלאַנצט די מדבר מיט מיין אייג'נעם גוף.

אופא־טאַשקענט, אָקטאָבער 1941

אין קיביטקע

כ׳בין דאָ נענטער, אַ סך נענטער דער זון
איידער אין מיין היים —
נאָר ס׳קומט אויך די נאַכט מיט פינעף שעה פריער
אין דער קיביטקע פון ליים.

דורך שמאָלע, גלאַטעטע שייבלעך,
אויפגעריסענע דורך דעם לבנה־האָרן,
שניידט זיך אַריין נאָוועמבערדיקער פראָסט,
ווי ווייסער, שאַרפער דאָרן.

צעוואַרעמט מיט מענטשלעכע אָטעמס
עס פאַרען די נאַקעטע ווענט
מיט קיאישן מיסט,
מיט הפקר און טרויער
פון מענטשן אָן צודעק, אָן העמד.

און פייכט און קאַלט איז דער ליימענער פּאָל,
ווי ס׳וואָלטן אַלע, אַלע חשוונס
פון היינט און אַמאָל

זייער איינזאַמקייט
אין אים אַריינגעוויינט.

און כ׳פיל, ווי כ׳וואַקס פּאַמעלעך אַריין
אין דער רויער, נאַקעטער ערד,
וואָס איז מיר אי בעט, אי טיש
מיט מיין גאַנצן גוף,
מיט איעדן גליד,
מיט אָדערן, נערוון און בלוט.

און מיין האַרץ,
ווי אַ ווײנשעלנע קערל
וואַרצלט זיך איין אין דער מיט
און וואַקסט און צעוואַקסט זיך
מיט אַ ווילדן טרוים —

און אפשר פרימאָרגן,
ווען כ׳וועל ליגן טויט,
פאַרפרוירן, פאַרשטאַרט,
וועט עס זיך צעבליען איבער מיר,
אין דער קיביטקע פון ליים
מיטן נס פון אַ ווײנשעלנעם בוים
מיט פרילינג פון מיין היים.

פערגאַנאַ, חשוון 1941

מיין מאַמע דאַוונט היינט

מיין מאַמע דאַוונט היינט
און זוכט אין אַלטן מחזורל מיין שפּור —
אָ, ענטפער איר, מיין גאָט,
מיט אַ לייטזעליק וואָרט:
„פון היינט איבער אַ יאָר״.

אָ, ענטפער איר, מיין האַר,
איר איינזאַמקייט, איר אַלטקייט נישט פאַרשעם,
ענטפער איר דורך גראָז, דורך בוים, דורך שטערן,
בעת ס׳פירן אירע אויסגע׳צער׳טע ליפּן
די אותיות, ווי טונקלע, שטילע שעפסן
צום קוואַל פון אירע טרערן.

פערגאַנאַ, 1942

מיין מאַמעס טריט

מיין מאַמעס טריט איז שטיל און פרום געווײן,
עס זאָל קיין האַרטער שטעל נישט ווײ טון שטומער ערד,
וואָס אפשר דאָרט אין ווייטער, אומבאַקאַנטער פרעמד
איז זי שוין היים געוואָרן פאַר איר קינדס געביין.

מיין מאַמעס תּפילה איז ווי אַ רעגנבויגן,
וואָס קוקט אַריין אין יעדן קנייטש פון הימל,
כאָטש ס'טרינקט זיך נאָך דער שפּיץ פון יעדן אירן טאָג
אין מבול פלייצנדן פון אירע אייג'נע אויגן

ס'איז אַזוי נאָענט צו גאָט און נס מיין מאַמעס גוף,
ווען ס'ליגט איר האַרץ ביים שטילן דופק פון דער נאַכט —
טאָמער וועט זיך דערהערן פון דער ווייטסטער ווייט
איר טאָכטערס שלוכץ, איר נע-ונדער רוף.

ס'זענען דאָרט אָפּגעשטעלט די זייגערס אַלע דריי,
ס'זאָל זייער קלאַנג נישט צופירן צום סאַמע ברעג פון ווײ,
עס שווייגט די גריל אפילו, ביז ס'פאַלן אַלע שטערן,
ווי מידע טרערן אינעם נעץ פון ערשטן האָן-געקריי.

פערגאַנא, 1942

נאכט אין פערגאנא

דער סערפּ פון לבנה האָט געשניטן די כמאַרעס
און ווי וואָל איז געפאַלן צו דר׳ערד׳ דער ווייסער טומאַן,
און ס׳האָט זיך גערדאַכט, ס׳טראָגט אויף האָרבעס אַ וואַטענעם הימל
דער קעמלישער, שטומער, לאַנגער קאַראַוואַן.

עס האָבן די טרוק׳נע אַריקעס געאָטעמט מיט האַרבסט-ריח,
ווי מיט בראָנפן שיכורים אויפן וועג פון די שענקען אַ היים,
און ערגעץ האָט גערופן צו דין-תורה דעם בורא
דעם אייזלס כליפּענדיק, עקשנותדיק געוויין.

דער שאַרפער פירעק פון אַ פערמד, באַלויכטן פענצטער,
וואָס ס׳וואַרפט ווי אַן אָנקער אַ וואַרעמע שטוב צו דער נאַכט,
איז געוואָרן פאַר מיר די איינציקע היים,
ווען ס׳האָט זיך פאַר מיין טריט אַ יעדע טיר פאַרמאַכט.

און כ׳בין געוועזן זיכער, אַז כ׳דאַרף נאָר טון אַ רוף,
וועט זיך מיין מאַמעס קאָפּ אַרויסבויגן פון שויב
און איבער מיינע נאַסע פיס און די פאַרשטאַרטע הענט
וועט זיך מיט וואַרעמקייט איר ליבשאַפט טון אַ בויג.

נאָר מיט אַ יעדער שעה, וואָס נענטערט זיך צו חצות,
איז אַלץ געוואָרן דינער און שמעלער דער ליכטיקער פּאַס,
ביז ס'האָט ענדלעך די פינצטער פאַרמעקט יעדע גרעניץ
צווישן נעפּל און מיר און דער איינזאַמער גאַס.

פערגאַנאַ, 1942

עס בליִען איצט

עס בליִען איצט די קאַרשנבײמער אין מײַן חיים,
פֿון זײערע צאַרטע בלעטלעך העקלט אױס דער שאָטן שפּיצן
— פֿון בראַבאַנט
איבער װעמענס פֿרישן קבר ציטערט איצט דאָס יונגע, גרינע גראָז,
װער האָט עס אומגעריכט מײַן נאָמען דאָרט דערמאַנט?

װער האָט עס אָנפּאַרטרױט זײַן בענקשאַפֿט מײַנע חושים,
אַז כ'ציטער אױף, װי אינעם װינט דאָס יונגע, דינע גראָז,
און כ'װאַקס אַרײַן אין טאָג, װי אין אַ פֿרישן קבר,
ביז ס'נעמט אַ טרער, אַ הפקרע פֿון דעמערונג די מאָס.

פֿערגאַנאַ 1943

סעפּטעמבער־נאַכט

סעפּטעמבער־נאַכט — עס פאַלן שטערן פונעם הימל,
ווי אין מיין היים די עפּל צייטיקע פון בוים —
ס׳שאָרכט אויף דאָס גראָז, די שטילקייט גיט אַ ציטער,
צי פון אַ פאַלנדיקן שטערן, צי אפשר פון מיין טרוים?

עס שפּילט דער גלייכגילטיקער הימל מיט מזלות,
די נאַכט שטעלט איין אין קאָן איר לעצטע טרער —
די לאַנגע שאָטנס ציטערן, ווי תּאווהדיקע פינגער
פון אויפגעוועקטער בענקשאַפט און דורשטיקן באַגער.

ווער זוכט עס איצט די עפּל אין מיין אַלטן סאָד,
ווער קלויבט די שטערן אויף די ווייטע וועגן,
מיט וועלכע עס אַנטבלעטערט זיך סעפּטעמבערדיקע נאַכט
און וויאַנעט איינזאַם, שטיל דעם מאָרגן־רויט אַנטקעגן?

פערגאַנאַ 1943

אָוונט

דער רויך פון די קיביטקעס בעט מחילה ביי דעם הימל
פאַר אַלע זינד פון גליענד-הייסן, זשעדנעם טאָג —
ס'איז אָוונט און עס האָט די לעצטע קרייזנדיקע שוואַלב
מיין בענקשאַפט אויפגעשניטן מיט איר שאַרפן פלוג.

די שוועל, די ליימענע מיט אַלטן, בערדיקן אוזבעק
באַשאָטנט טיפער נאָך מיין נע-ונדן שריט,
און בלויז דער וועג, וואָס פירט מיך אין מיין היימלאָזקייט אַריין
וויילט זיך נאָך מתימדיק און טרויעריק אין דער מיט.

ס'וועט באַלד מיין באָבעס שבת-פאַרנאַכטיקער „גאָט פון אברהם"
עפּענען מיט ערשטן שטערן אַ שפּאַלט צו דיר, אָ, האַר,
און ס'וועט מיין האַלב-פאַרגעס'נע קינדהייט איר נאָכגיין וואָרט
ביי וואָרט,
ביז צו דער סאַמע לעצטער גרעניץ פונעם צער.

פערגאַנאַ 1943

פאַמירער בערג

עס איז דער גאַנצער הימל נישט צו שווער פאַר זיי,
די יאַרמע פון דער זון פאַר זייער קאַרק — אַ שפּאַס,
ווי האַרטע, פעסטע ריגלען שטייען זיי
צעווישן ערד און גאָט.

ווי אַ געשפּאַן פון אָקסן, גרויסע, שווערע,
שלעפּן זיי נאָך דער מדבּרס שרפהדיקן לייב
ביז צו דעם סאַמע לעצטן ברעג פון ווייטיק
דורך אַלע טעותן און קללות פון דער צייט.

זיי מעלה-גירהן שטערן, צייט און גורל,
און ס'פּאַלט מיין שאָטן, ווי אַ תּפילה צו זייער ברייטן זוים,
ווען ס'יאָגט מיר נאָך די איינזאַמקייט, שאַקאַל-געוואָי און נאַכט
מיט הייסן, פיבערדיקן, שטיקנדיקן טרוים.

און ווייט איז הינטער מיר דאָס לאַנד פון גרויסן שווייגן,
ס'איז הינטער מיר דאָס אַלץ, וואָס האָט נאָך נישט קיין נאָמען —
אַמאָל איז עס מיין מאַמעס דאַוונענדיקער ניגון,
אַמאָל איז עס דער ריח פון היי, פון גרעזער, בלומען.

אמאָל איז עס די ערד צעאַקערטע דורך קברים,
וואָס שרייט מיט בלוט דורך מיילן טויזנטער נאָך מיר —
דאַן זע איך איבער מיר אין מאָרגנדעמער ברענען
דעם לעצטן דאַך פון וועלט, די בערג פונעם פּאַמיר.

פערגאַנאַ 1943

מײַן שאָטן אין דער מדבר

די מדבר גליט מיט ערשטער אור־אור־בענקשאַפט צו דעם ים,
און ס'איז דער שאָטן, װעלכן ס'װאָרפט מײַן גוף,
װי אַ זעגל אױסגעשפּאַנטער אין די װינטן
פֿון אַ פֿרעמדן, בלאָנדזשענדיקן שיף.

די מדבר־דיקע מיטאָג־שעה צעגליט, װי יהוהס צאָרן
גײט נאָך טריט־פֿיס מײַן שאָטן אױפֿן סיפּקע זאַמד —
ביז ס'װערט דער שאָטן גרעניץ פֿאַר מדברס אײנזאַמקײט
און פֿאַר איר הױלער נאַקעטקײט אַ שװעל, אַ דאַך, אַ װאַנט.

פֿערגאַנאַ 1943

מדבר

די זון — אַ רויטער און צעגליטער זיגל
חתמעט צו די מדבר, דעם פּאַרמעט־געלן בריוו מיט ערשטן סוד,
וואָס ס׳האָט געשיקט אַ וויטן, אומבאַקאַנטן אדם
אין דער בראשיתדיקער חופּה־נאַכט אַ יונגער גאָט.

און כאָטש עס מעסטן, ווי קלעפּסידרעס קעמלענס הויכע פּיס
שוין יאָרן טויזנטער דעם ברוינעם, סיפּקע זאַמד,
און ס׳וואַיען אוים די נישט געשטילטע בענקשאַפט
שאַקאַלן הונגעריקע צום וויטן הימלס ראַנד,

שלאָפט נאָך אַלץ אונטער דער זון דער חלום פונעם גאָט,
און ס׳איז די שטילקייט אַרום אים אַזוי אומענדלעך טיף,
אַז ס׳דאַכט, ס׳וועט קיינמאָל מער דעם וועג צו אים געפינען
דער פייגל־צוויטש, דער ביל פון הונט און פון אַ מענטש דער רוף.

נאָר טיילמאָל אין אַן אויסגעליט׳נער, מיטאָגדיקער שעה
שלאָגט דורך דעם פאַנצער פון דער אָנגעגליטער לופט
די פייל פון פעדער פון אַ קרייזנדיקן אָדלער
און לייגט זיך, ווי אַ ביישטריך טונקעלער צו דער פּאַרגעס׳נער
שריפט.

און אַלץ — דער ווינט פאַרווייעט דאָ איעדע שפור פון חיה
אָדער מענטש,
און ס׳לאָזן זיך אומזיסט אַראָפּ די שטערן טיף און נידעריק
לייענען די טריט, ווי קורצזיכטיקע אויגן, וואָס ווילן שטענדיק גלויבן,
אַז, אָט, גראַד לעבן זיי, פאַרבייגעגאַנגען איז דאָס גרעסטע גליק.

און דאָך — מיט יעדן שמאָלן קנייטש נאָך יאַשטשערקע און שלאַנג
ווערט די מדבר קלוגער און צייטיקער צי נייער, ווייטער וואָר,
און עס וואָראָזשעט איר לבנה אין די טיפע נעכט
איר זיווג פון דער דינער, האַלב־פאַרווייעטער שפור —

ווער האָט מיך דאָ גערופן, ווער האָט מיך דאָ געשטעלט
ביי מדברדיקע זאַמדן אויף דער וואַך?
עס פלעכט אַרום מיין קאָפּ דעם אָדלערס טונקל קרייזן
און ס׳בלייבט דעם רויב־פלי טריי דער גאַנצער הימלס־שליאַך.

כ׳בין דאָ — און הינטער מיר מיין ברענענדיקע וועלט —
כ׳האָב דאָ אַהער געבראַכט די שטובן און די קברים
פון שטעט און שטעטאַלעך, ווו ס׳האָט געוווינט מיין פאָלק,
די קינדער־וויגאַלעך, די שולן און די ספרים.

עס וואַקסן דאָ די קינדערלעך, וואָס זענען לאַנג שוין טויט,
צום שלאָף עס וויגן מאַמעס זיי, וואָס לעבן שוין נישט מער,
און ס׳פירן ווייטער זייער ליבע מיידלעך און בחורים
מיט קויל אין מיטן הארץ פון מערדער׳שן געווער.

כ׳בין דאָ — און הינטער מיר מיין ברענענדיקע וועלט —

מיט פלאַקערדיקן דאָרן גייט דאָ אויף מיין וואָרט,
און וועט זיך נענען גאָט — איז מיט פאַרהילטן פנים
און באָרוועס,
ווייל געהייליקט איז דער אָרט.

פערגאַנאַ, 1943-1944

מזרח

אַט אַהער מיטן פּנים איז מיין פֿאָטער געשטאַנען געווענדט,
קאָפּ און שטערן באַדעקט מיטן טלית ווייס־שוואַרץ —
אויף לאַנקע, פעלד און וואַלד זיך אָנגעשפּאַרט מיט בליק,
בעת ס׳האָט אין אַ ווייטער נסיעה געלאָזט זיך זיין האַרץ.

עס האָט דער אַלטער עפּלבוים זיין שאָטן אויסגעשפּרייט
ביז צו דעם גליענדיקן מאָן, ביז צו דער אַרבעס־בייט,
און ווי אַ סטעזשקע טונקעלע צום סאַמע שוועל פון הויז,
אויף וועלכער ס׳האָט אַ בין מיין קינדהייט אויסגענייט.

עס האָט מיין פֿאָטערס שטילער, מורמלענדיקער ניגון,
ווי חשוונדיקער בלעטער־פאַל, ווי שורשענדיקער זאַמד
אַרויסגעשפּאַרט דורך פענצטער און דורך אָפענער טיר,
מיין ווילדן לויף פאַרשטעלט, מיין יונגע פרייד געצאַמט.

אפשר האָט דעמאָלט שוין דער מדבר תעניתדיקער אָטעם
מיט אָנונג אַ שׂרפה געטון מיין האַרץ און מיין שטערן,
און כ׳בין געוואָרן אַזוי שטיל, ווי ס׳וואַסער ערב שטורעם,
ווען אַלץ קען נאָך געשען דורך נסים און דורך טרערן.

און אפשר האָט מיין בלוט דערפילט שוין אָט די שעה,
געצייטיקטע דורך בראַנד, דורך מאָרד און דורך געוואַלט,
ווען כ׳וועל דאָ שטיין, דער מדבּרם שטומער, גראָער זיווג,
און מיין איינציקע היים —
בלויז דער שאָטן, וועלכן ס׳וואַרפט מיין געשטאַלט.

און ס׳וועט די מדבּר דאַן, אַ בעטלערקע, אַן אַלטע,
אויסשטרעקן צו מיר איר דאַרע, איינגעשרומפּ׳נע האַנט
פון האַרטע שטעכעלקעס און סיפּקע־טרוקנעם זאַמד,
צו מיר, דער נע־ונדניצע אָן קלייד, אָן שיך, אָן לאַנד.

פערגאַנאַ, 1943

ביים מדבר ראַנד

די צוויי רעדער פון ארבע, ווי ווינט-מילן-פליגלען
צעמאָלן דעם זאַמד, דעם שטויב און די לופט,
אויף פעכערס פון שפריכעס צוועלף חלקים פון הימל
באַפעכלען די אימה ביים וועגראַנד, וואָס שלאָפט.

ווי אויסגעקראַכ'נע פעל פון גוססדיקער חיה
איז דאָס אויסגעדעווערט-רויטע גראָז ביים זוים,
ווו ס'עדותט זיך די שטילקייט פאַרן הימל
מיטן אויסגעשטרעקטן פינגער פון אַ בוים.

און ווייטער — בלויז שאַקאַל-געוואָי און ווייסע, שמאָלע שפור
פון טרערן זאַלציקע נאָך אור-ים טיף און גלאַט,
און קעמלענס הויכע פיס, ווי זשאַווערדיקע ווייזערס
אויף מדבר ברייטן, ברוינעם ציפערבלאַט.

די פרישע שפורן נאָך מיין טריט נעמען זיך אָן מיט בלוט
פון זון, ווי מיילער אויפגעריסן, גרויליק-שטאַר,

זיי שרייען מיר נאָך אין איינזאַמקייט פאַרלאָזטע,
ווען כ׳גיי מיין שווערסטן וועג צום לעצטן ברעג פון צער.

געגאַנגען איז אַזוי אַמאָל די דינסט הגר,
געיאָגט דורך הארינס צאָרן פון בעט, פון שטוב, פון שוועל,
בכדי עס זאָל איר זון נישט זייען כנענס פעלד,
נישט שערן לייכטע וואָל פון לעמערס ווייכער פעל.

ס׳זאָלן די ברייטע אַקסל פון אברהמס בכור
נישט זיין סכנה פאַרן שפּעטלינג פון שרהס אייגן לייב,
איז אויפגעשטאַנען זי, די מוטער פונעם שטאַם
קעגן דעם קרבן, וואָס זי האָט געבראַכט אַמאָל אַלס ווייב.

און ס׳האָט געמוזט אַוועק די יונגע דינסט הגר —
זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייל לעבן דעם לעצטן בוים,
זיך אין זיין שאָטן איינגעהילט, ווי אין אַ ווייכער שאַל,
דער מדבר׳ס לעצטער טרייסט, איר אויסגעגרינטן טרוים.

געגאַנגען איז אַזוי יהודהס טאָכטער, מרים,
וואָס האָט פאַרמאָסטן זיך אין מוטערלעכן שטאָלץ
אויף הימל פאַר איר זון, — און ס׳האָט נביאיש קלוג
געוואָרנט זי בשתיקה פון הפקר־בוים דאָס האָלץ.

דאָרט, ווו סע ענדיקט זיך דער איילבירט און דער וויין,
און ס׳לעשט זיך אוים אין זאַמד דער בלאָנדער צאָפּ פון ווייץ,

איז איר פון לעצטן בוים דער שאָטן נאָכגעלאָפן
מיט די אויסגעשטרעקטע אָרעמס פון אַ קרייץ.

און איך גיי דאָ, די לעצטע פון אַ דור,
וואָס אויפגעמאָנט האָט ביי דער וועלט זיין חלק
פון הימל און פון ערד — פון הימל, וואָס צעאַקערט
די באָבעס מיט די תפילות זייערע פרום און הייליק,

פון ערד, וואָס ס׳האָבן אור־זיידעס צעלייגט מיט שאַרפן פלוג
ביז צו דעם טיפסטן, שמעקעדיקסטן גרונט,
און זיך פאַרקנסט מיט איר אויף לעבן און אויף טויט,
דורך שוויס און בלוט מיט איר באַנייט אויפסניי דעם בונד.

ס׳האָט אונטער פוילנס טאָפּאָליעס אין אָוונטן פאַרטראַכטע
זיך אויסגעהאָניקט זייער טרוים פון ווייטן לאַנד כנען,
און אין שבתים לויטער־מילדע זענען פון תנ״ך
אַרוים גלילער בערג זיך שפּיגלען אינעם סאַן.

און ביי די וועגראַנדן פאַרטרוימטע אונטער ליפּעס,
ביי לאַנעס הרעטשקע בליענדער און כוואַליענדיקן ווייץ,
האָט זיי באַגעגנט דער, וואָס האָט געברענגט צו שלעפּן
פון דאָרט דעם דורותדיקן טרויער און דעם שווערן קרייץ.

זיין פּנים אויסגעצער׳ט דורך פּיין, דורך ליבשאַפט קלוג,
האָט נאָכגעשמייכלט זיי ביים שטילן זון־פאַרגיין:

„אויך מיך האָט דאָ אהער געבראַכט גאַלגאַטאַס וועג
און גלייך ווי איר האָב איך געפונען דאָ אַ היים".

ס'איז דורכגעאַקערט איצט די ערד מיטן געביין
פון אַלע די, וואָס האָבן זי געגראָבן און געזייט
וואָס האָבן פרילינגס-צייט געגרווידזעט נייע פלויטן
און חשוון-צייט דעם דאַך מיט פרישן שטרוי באַנייט.

געבליבן זענען בלויז נאָך זיי אויף בוידעמס ספרים
און מעטריקעס פון קינדער ערגיץ אין אַ שאַנק,
אַ בריוו, אַ ליד, וואָס קלאַפּט נאָך אויס דעם ריטם פון זייער בלוט
און צייטיקט זיך מיט נישט פאַרענדיקטן, פאַרעקשנטן געדאַנק.

פאַרוואַקסן זענען איצט די סטעזשקעס און די וועגן
צו די בית-עלמינס אַלטע און צו די נייע קברים,
אויף קבר-אבות קומט דאָ בלויז פון צייט צו צייט דער ווינט
פון מזרח-זייט, פון מערב-זייט, פון צפון און פון דרום.

איז ער אַראָפּ פון קרייץ, דער לעצטער ייד פון געטאָ,
בלאָנקעט אַרום אַליין צווישן די פרישע קברים,
ס'באַווייזט זיך דאָ און דאָרט זיין איינגעבויג'נער גוף,
ווי אַ בוים, אַן אויסגעוואָרצלטער דורך דונער, בליץ און שטורעם.

ס'איז תפילותדיק זיין קול: „כ'וויל ליגן דאָ מיט אייך,
וואָס איר האָט מער פון מיר געליטן, שטיל און גלייביק —

איך האָט פאַרשעמט מיין טויט דורך אייער מענטשלעך וויי,
טאָ בלייבן זאָל דער קרייץ פאַרשעמט און פוסט אויף אייביק..."

— ווייט פון מיין לאַנד איך גיי צום מדברדיקן ראַנד,
איך, די גראָע יורשטע פון זעקס מיליאָנען קברים,
און הינטער מיינע טריט, גלייך ווי אַ מאַרטעררעד
דער קרייץ, דער קרייץ מיט זיינע איינגעבראָכ'נע אָרעמס.

פערגאַנאַ־מאָסקווע, 1944

צווײ צוואות

עס האָט מײן פֿאָטער זײן צוואה געשריבן,
ווען ס׳האָט געבליט דער אַלטער עפּלבוים אין סאָד,
און ס׳האָט געפּרוווט די צײטיקײט פֿון לופֿט
דער פּלי פֿון בין, ווי זון־צעגליטער דראָט.

ס׳איז אויף דער שפּיץ פֿון פֿען מיט שווערער טרער
געהאָנגען זײן נישט אויסגעשעפּטער טאָג,
און זיך געפּרוווט דורך דינעם שטריך באַהעפֿטן מיטן מאָרגן,
מיט וואַלד, מיט פֿעלד, מיט שטילן שוואַלבנפֿלוג.

און ווי אַ גוטער באַלעבאָס, וואָס טרײַבט פּאַרנאַכט צונויף
און באַוואָרנט הינטער שלאָס די עופֿות און די רינדער,
האָט ער אין טונקלע, דריבנע אותיות פֿאַרמאַכט
די ליבשאַפֿט און די זאָרג פֿאַר װײַב זײַנעם און קינדער.

און באַלד דערנאָך (ס׳האָט פּיאַלעטע זאַווערוכע
פֿון בליענדיקן בעז באַדעקט דאָס בעט, די ערד
בײַם מינדסטן ריר פֿון ווינט) — האָב איך זײַן קול געהערט,
ווי ער וואָלט זיך פֿון ווײַטנס נאָר וואָס אומגעקערט:

„ווייסט, האַניע, כ׳מיין, מען דאַרף דאָס קומענדיקע יאָר
פאַרזייען מיט הרעשקע, אָדער פּראָסע דעם „קלין״ אונטערן וואַלד״ —
עס האָט געפּרוווט אַ שמייכל טון מיין מאַמע, כאָטש זי האָט שוין געוווּסט,
אַז עס איז איר באַשערט אַליין צו ווערן אַלט.

עס האָט איעדעס וואָרט פון פאָטער מיינעם
זיך אַנפּאַרטרויט ווי זריעה דער ערד, דעם ווייב און קינדער,
און ס׳האָט אין לעצטער זון געצייטיקט זיך זיין טרוים
מיט תבואה און מיט וואַלד, מיט ליבשאַפט און מיט ווּנדער.

און איך — ווען ס׳וואָלט געקומען איצטער גראָד מיין שעה,
מיט וואָס וואָלט איך געקענט זיך געגען צו דעם טויט —
איך, דער בעל-חוב ביים מאָרגנדיקן טאָג
אויף מיין אָרעמען חלק ברויט?

ס׳וועט בלייבן נאָך מיר בלויז מיין איינציקעס קלייד,
אַ שטיק אַלטע, גראָע, אויסגעפּראַנזטע טרויער,
און דאָס לעצטע זייד׳נע, צעריסענע העמד,
ווי אַ חשבון, אַ קלאָרער, גענויער.

ס׳וועלן בלייבן די שיך אויסגעקרומטע און דאַרע,
ווי ס׳פּנים נאָך אַ לאַנג און פאַרעקשנט געוויין,
מיט זאָרג אין די לאַטעס, מיט שרעק אין די נעט
פאַר רעגן און שניי, פאַר גרידע און שטיין.

ס׳וועט צולייגן ס׳אויער די שימליקע וואַנט
צו מיין הייסער, פאַרשמאַכטער ליפּ,
כ׳זאָל פאַרטרויען דעם סוד פון אַ לעצטער פאַרגעבונג
דער איינזאַמער, הפקרער שטוב.

נאָר גיין וועט מיט סטעזשקע פון קינדהייט און היים
נאָך אַמאָל מיין בענקשאַפט אין דער שטילסטער מינוט,
און מיט בלוטשטורץ פון ווערטער, אָפּגעהאַקטע און קורצע,
וועט אַ שפּאַר טון די סטראָפע
פון מיין לעצטן, נישט פאַרענדיקטן ליד.

פערגאַנאַ, 1943

אלול

פאַרוואַקסן איז מסתם מיט קראָפּיווע און גראָז
דאָס שמאָלע סטעזשקאָלע צום קליינעם בערגל ערד,
נאָר חשוונדיקער טאָג גייט אום דאָרט צווישן קברים,
ווי ער וואָלט אַלץ געזוכט דאָס שטומע הארץ פון וועלט.

און נאָר דער גראָער שטיין האָט זיך נאָך מער געבויגן,
גלייך ער וואָלט צוגעלייגט אַן אויער צו דער ערד
פאַרנעמען פון דער טיף אַ קלאַנג, אַ זיפץ, אַ וואָרט,
דאָס אַלץ, וואָס אויסצוטייטשן ז׳נאָר אים אַליין באַשערט.

און אפשר, אפשר וועט עס זיין דאָס וואָרט,
וואָס האָט אין יענער הייסער, תמוזדיקער נאַכט
זיך אויסגעלאָשן, ווי אַ שטערן אויף דיינע ליפּן, פאָטער,
ווען ס׳האָבן זאַלבעצווייט בלויז דו און טויט געוואַכט.

און אפשר איז דאָס וואָרט געוועזן באַשטימט פאַר מיר,
פאַר מיר, דער עלטסטער טאָכטער פון קנאַפּע עלעף יאָר,
און ס׳האָט געזאָלט מיך לערנען דורך טרער, דורך בלוט, דורך ליד
אריינוואַקסן אין רוי־ערד פון אַ נייער וואָר.

נאָר כ'בין אין יענער הייסער, תמוזדיקער נאַכט
געוועזן אַזוי מיד פון שפּיל, פון זון, פון ווינט,
עס האָט מיך ערשט דער מאָרגן אויפגעוועקט פון שלאָף,
ווען אַלץ האָט שוין געזאָגט „יתומה" אַנשטאָט — קינד.

— ס'איז אַזוי שטיל דאָ אַרום מיר אין מדבּרדיקן לאַנד,
עס וויאָנעט אינעם זאַמד דער חשוונדיקער טאָג,
און ס'טראָגט אַוועק מיין בליק צום אָפּ'נעם הימלסראַנד
אויף האָרבעס וויגנדע דער לאַנגער קעמלען-צוג.

ס'וואַרט דאָרט נאָך אַלץ אויף מיר דער אַלולדיקער ווינט
און זוכט אומזיסט אין גראָז די שפּור פון מיינע טריט —
זעקס טויזנט מייל צווישן מיר און קליינעם בערגל ערד,
און אַ גרעניץ געווירעט דורך טויט און דורך בלוט.

פערגאַנאַ, 1943

דזשינגיס־כאַן

I

דאָ אָרום האָט געפֿירט קיין מערב דער שליאַך
פֿון די ווייטע, מאָנגאָלישע סטעפּן,
דאָ האָבן געלאָזט זיך שיף־אויגיקע רייטערס
מיט בליץ און מיט שטורעם אין געוועטן.

און ס'האָבן זיך דאָ די פֿערדישע גריוועס
פֿון דזשינגיס־כאַנס חיל פֿאַרשווירן מיט ווינט
קעגן בראַנע און פֿלוג, קעגן ברונעם און וויג,
קעגן מאַן, קעגן ווייב, קעגן קינד.

ס'האָט געהאָגלט מיט הייסן און טרוקענעם זאַמד
אַפֿיר פֿון אונטער האַרטע קאָפּיטעס פֿון פֿערד
און פֿאַרצויגן די זון מיט אַ ברוינלעכער בעלמע,
דאָס פּנים פֿאַרשיט און דעם הימל פֿאַרשטעלט.

נאָך זיי האָט אַ לאַנגער, דיקער שטריק פֿון שטויב,
ווי אַ צום זאָטל צוגעבונדענער אַרקאַן,
געשלעפּט אויף אַ שלייף די נאַקעטע ערד
אַלס שקלאַווין פֿון דעם בלוטיק־ווילדן דזשינגיס־כאַן.

II

זיין קומען האָבן בלינדע לירניקעס פון לאַנג
פאַראויסגעזאָגט, פאַררייסנדיק אין הייך דאָס בלייכע פנים,
בעת ס׳האָט זיך דער הימל איבער זיי געצלמט
מיט אַלערליי בייזע סימנים.

ס׳האָט געפיבערט די נאַכט איבער דערפער און שטעט
פון וואָלגע ביז דניעפּר, פון דניעסטער ביז סאַן,
און מיט זיילן פון פייער געמאָסטן דעם חורבן
נאָך רייטערס און זין פון בלוטיקן דזשינגיס־כאַן.

עס האָבן פאַרלאָזן די פייגל די נעסט,
דעם זומפּ און דעם וואַלד די וועלף און די בערן,
און ס׳האָבן די הינט דעם גרויל און די שרעק
מיט לאַנגן געוואָי צוגעבונדן צו שטערן.

און אַלץ האָט פאַררעטן דעם מענטש און זיין גורל:
דער ווינט און דער רויך, דער קלאַנג און די שיין,
אַז דערשטיקט האָט אַ פאָטער מיט אייגענע הענט
דעם האַלדז פון זיין קינד מיטזאַמט דעם געוויין.

III

ס׳האָבן שפּיציקע יורטעס אויסגעשטעלטע אין רייען,
ווי פיגורן פון שאַך אָנגעזאָגט שוין דעם טויט
די הייזער פון האָלץ, פון ציגל, פון ליים,
די שטאָלן מיט פי, די שייערס מיט ברויט.

ס׳זענען אויסגעשטעלט ווערטעס אויף דעם שאך־ברעט פון ערד
גרייט צו געבן דעם לעבן שאך־מאט אין איין צוג,
בעת ס׳טראכט נאך דער שפּילער, ווי אזוי איינצופלעכטן
אין דער גריווע פון זיג דעם אנטשיידענדן טאג —

און געקומען איז אלץ, ווי דאס האבן געזען
דעם לירניקס פארלאשענע אויגן —
יעדע שיין — בראנד און פלאם, יעדער קלאנג — טויט־געשריי,
אלץ, וואס לעבט, בלויז א ציל פאר געשפּאנטן, מאנגאלישן בויגן.

און ס׳דאכט זיך, נישטא מער קיין פעלקער, נאר קנעכט
פון ווילדן, מאנגאלישן שטאם,
און נישטא מער קיין געטער, נאר איין איינציקער גאט,
ער אליין, דער אכזריותדיקסטער, ווילדסטער דזשינגיס־כאן.

IV

דא ארום האט געפירט קיין מערב דער שליאך
מיט הונדערטער יארן צוריק,
וווּ ס׳כוואליען איצט פעלדער מיט ביינווול און ווייץ,
וווּ ס׳בליט אין די סעדער גראנאט און אוריוק.

ס׳האט פארקערט דער פלוג מיט סקיבעס די ערד
נאכן ווילדן מאנגאלן־געיעג,
און ס׳היטן אריקעס פאר מדברס פאררויט
און פאר קנאה פון זאמד יעדן בוים, יעדן שטעג.

ס'וויסט קיינער נישט מער, ווו ס'געפינט זיך דער אָרט,
ווו ס'מאַרשט און סע פוילט דזשינגגיס־כאַנס וויים געביין,
גלייך ס'וואָלט אים געוואָלט פאַרגעסן די ערד,
דער בוים, און דער דאָרן, דאָס גראָז און דער שטיין.

נאָר טיילמאָל אין נעכט אָן לבנה און שטערן,
ווען ס'לעשט אוים די וועגן אַ ווייסער טומאַן,
קומט צו חלום דער ערד דער ווילדער גאַלאָפּ
און דאָס בלוט אויף די שפּורן פונעם דזשינגגיס־כאַן.

פערגאנא, 1943

ערב־פרילינג אין אוזבעקיסטאַן

אויפֿן פאָן פון מזרחדיקן, וואָלקן־פרייעם הימל
די נאַקעטיקע צווייגן פון טאָפּאָליעס ווייסע,
ווי שטיקערייַ פון אַלטן, מאַטן זילבער
אויף טאָוולען צו אַ לאַנג־פאַרגעס׳נער, וווּנדערלעכער מעשה.

דער רויך פון ליימענע, צעוואָרפענע קיביטקעס
לייגט זיך אין גלייַכע שורות אויס, ווי אותיות פון שריפֿט,
ס׳לייענט זיי דער ערב־פרילינגדיקער, בלאָער טאָג
נאָך ווייט פון צייטיקייט און שוין אין זיך פאַרטיפֿט.

די ווייטקייט זעצט זיך צו אויף קניען לעבן וועג,
זוי אַן אוזבעקין אין איר טונקלער פאַראַנדזשאַ, פאַרטראַכט,
און זעט נישט, ווי עס וואַקלען זיך די יונגע, שלאַנקע ביימער
שוין שיכורע פון זייער ערשטן, קלעפּיק־זיסן זאַפֿט.

פערגאַנאַ, 1943

צום פּאַרטיזאַן

איך האָב דיך קיינמאָל נישט געזען, כ׳האָב נישט געהערט דיין
נאָמען,
כ׳ווייס נישט פון וועלכן שבט שטאַמסט און וואָס איז דיין באַרוף,
נאָר כ׳ווייס, אַז דיינע שריט זענען די שלייף פון גורל,
נאָר כ׳ווייס, אַז דיינע אויגן זענען — משפט, און דיינע פויסטן —
שטראָף.

עס פלעכטן ענגער זיך צונויף טאָפּאָליע מיט בערעזע,
אַז זייער שאָטן זאָל דיר ווערן אי דאַך, אי שטוב, אי היים,
עס טרעט דיר אָפּ די וואָלפיכע ס׳געלעגער אינעם וואַלד,
און ס׳טרעט דיר אָפּ דער פוקס זיין הייל אין הארטן ליים.

די שטילקייט אַרום דיר איז ווי אַן אַזיערע, אַ טיפע,
ווו ס׳איז דערטראַנקען דער לעצטער שריי פון זקן, ווייב און קינד,
ווען ס׳האָט די מערדער־האַנט דאָס לעבעדיקע לייב געשונדן און
געברענט —
און נאָר דער מערב גליט נאָך אַלץ מיט פרישער, הייסער ווונד.

ס׳בערגלט זיך דאָ די ערד אַלץ העכער, העכער, העכער,

זוי ס׳וואָלט געשפּאַרט צום הימל מיט ווילדפלייש איר געשענדטער גוף
און ס׳דאַכט, זי רירט זיך נאָך איבער די לעבעדיק באַגראָבענע,
וואָס ראַנגלען זיך, ווי ווערים שטומע, בלינדע אין איר טיף.

עס וואַקסט נישט מער קיין גראָז, קיין בלום אויף יענעם שטח —
זוי ס׳ווערט אַ יונגער מענטש אין נאַכט איין אייניציקער פון שרעקן פּלוצים גראָ,
זענען פאַרוויאַנעט אַלע וואָרצלען פון דערשטיקטן שריי,
וואָס האָט פאַרסמט די ערד אין יענער גרויזאַמסטער און גאָט־פאַרלאָזטער שעה.

עס ווייזן דיר דעם וועג די וועגווייזערס פון תליות
און דער ריח פון פרישער שרפה פירט דיך אין די שטערנלאָזע נעכט
אויף יענער שפּור, ווו ס׳האָט דער שונא זיך פאַרשאַנצט
מיט ביקסן־ווענט, מיט שטעכדראָט־צוים און שטאָלענעם געפלעכט.

נאָר דו ביסט ווי אַ דאָרן שטעכיקער אין מערדערס זאַטן, זעלבסט־צופרידענעם שלאָף
און ווי די ברענענדיקע קראָפּיווע צום לייב זיינעם און הענט,
ביסט דער נקמה־רוף אין יעדן אומגעריכטן סקריפּ פון טיר,
וואָס מאַכט אים ציטערן פאַר מינדסטן שאָטן אויף די ווענט.

עס איז איעדער ראָוו, איעדע בריק אַ שיפלאַד פאַרן דינאַמיט
און יעדע סקיבע ערד אַ נעסט פאַר דיין גראַנאַט
און ס׳קלאַפּט די נאַכט דאָן אוים מיט טרוק׳נעם קנאַל, ווי מאָרזע־אַפּאַראַט:

— עס זענען ווידער אומגעקומען צען — עס ברענט דער אמוני־
ציע־סקלאַד —

ווי אַ קאָוובאָי אויף ברייטער פּרעריע פון דער נאַכט
פאַרוואָרפסט דיין לאַסאָ־פּלאַם אַרום דעם קאַרק פון יאַגנדיקן צוג,
וואָס שטעלט זיך ווי אַ חיה אויף און רעוועט צו די שטערן
מיט בראָזג פון גלאָז, מיט אייזנקריץ און מענטשלעכן געקלאַג...

— איך האָב דיך קיינמאָל נישט געזען, כ'האָב נישט געהערט דיין
נאָמען,
כ'ווייס נישט פון וועלכן שבט שטאַמסט און וואָס איז דיין באַרוף,
נאָר כ'ווייס, אַז דיינע שריט זענען די שלייף פון גורל,
נאָר כ'ווייס, אַז דיינע אויגן זענען — משפט, און דיינע פויסטן —
שטראָף.

און כאָטש ס'זענען נאָך אַלץ פאַרשטעלט מיט תליות די וועגן צו
מיין היים,
איך ווייס, דו היטסט דאָרט יעדן שטיין, איעדן פלויט און בוים,
כ'פאַרטרוי דיר, ווי אַן אייג'נעם ברודער מיין מאַמעס גראָען קאָפּ,
ווי איך פאַרטרוי דיר אויך מיין בענקשאַפט און מיין טרוים.

פערגאנא, 1943

דער טייך

דריי מאָל אין טאָג האָט מען געפּאָיעט דאָ די פערד און רינדער,
און ס׳פלעג פון זייערע מיילער וואַרעם, מאָכיק-ווייך
אַראָפּרינען דאָס וואַסער מיט זילבער-ווייסע סטרונעס
און אָנפּאַרטרויען דער לופט די מעלאָדי פון טייך.

עס פלעג די לאַנקע צושווימען אַזש ביז צום סאַמע ראַנד
מיט פיאַלעטע, ראָזלער-רויטע, געלע, ברוינע וועלן
פון גלאָקן-בלום, פון ווילדער נעלק, פון יאַסקער און פון ליובטשיק,
וואָס איז אַ סגולה צו געטרייקייט, צו ליבע און געפעלן.

עס פלעג זיך אויפוועקן דער דרעמלענדיקער ברעג
ביים שטילסטן טריט מיט גרינעם רעגנבויגן
פון זשאַבעס — און ס׳פלעג פון הויכן וואַסער-פליוסק
אַ ציטער טון די ווערבע, אַלט און איינגעבויגן.

און אויף די שערבאַלעך פונעם צעבראָכ׳נעם הימל,
ווי אויף אַ קאָבאַלט-טעלער מיט אויסגעצאַקטן ראַנד
פלעג צושווימען אַ שלאַיען-קאָפּ און מיט די ווייסע בלעזלעך
פאַרקיטעווען דעם רים און אויסגלעטן דעם קאַנט.

דאָ איז געווען זאַנע פאַרבאַטענע פאַר מיינע קליינע פיס —
אַפילו אינ׳ם חלום האָט מיין מאַמע מיך געזען שוין ליגן אין דער טיף,
און איין מאָל טאַקע האָט מען דעם גאַנצן טייך צעאַקערט
מיט גראַבליעס, ווילעס, זוכנדיק אין אים מיין טויטן גוף.

בעת איך בין געזעסן רייטנדיק אויף פלייצע פונעם „שטומען",
וואָס האָט געטראָגן מיך צו זיך אין דאָרף, ווי אַ טראָפּיי,
אַלס זיגער פון אַ שטילער און פאַרשעמטער ליבע
צום ברוינעם מיידאַלע פון קנאַפּע יאָרן דריי.

אין טייך האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען פון נאָענט דעם שטערן,
מיט וועלכן ס׳האָט מיין באָבע שבת-צו-נאַכטס דעם הימל אויפגעשלאָסן,
ווען ס׳איז איר בענטשונג פון אַ „גליקלעכער און גוטער וואָך"
געפאַלן אויף מיין קאָפּ, ווי שטילע, קילע ראָסע.

דורך כישוף כ׳האָב אין טייך געוואָלט דערזען דאָס בילד
פון מיין באַשערטן, ווי עס האָט מיין ניאַניע מיר געראָטן,
נאָר דו ביסט דאָרטן נישט געווען, און עס האָט בלויז געציטערט
די וועל אונטער דער ווערבעס טיפן, קילן שאָטן.

איצט פאַיעט דאָרט די פערד אַ פּריסישער סאָלדאַט,
און ס׳גייט מיט בראַנד און בלוט אין טייך דער מערב אויס,
און ס׳קרייזן נע-ונדע, נעסט-באַרויבטע פייגל
מיט הייזעריקן שריי איבער פאַרברענטן הויז.

נאָר ס'איז פאַרבליבן נאָך אַ נישט דערברענטער בוים,
אויב נישט קיין גאַנצער בוים, אַ האַלב-פאַרקוילטער סוק,
אויב נישט קיין סוק, איז וועלן וואָרצלען אַרויסשפּאַרן פון דר'ערד,
און אויסוואַקסן צו תליות איבער נאַכט
פאַר אונדזער מאָרגיקן נקמה-טאָג.

פערגאַנאַ, 1943

די קעמפער פון ווארשעווער געטאָ

געווידמעט דעם 5־טן יאָרצייט פון
אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ.

די ביקס איז נישט געווען דער טרוים פון זייערע נעכט
און נישט פון זייערע טעג דער זיווג און באַשייד,
נאָר ס׳האָט דערהויבן זיי צו יענער גרויסער שעה
פון פאָלק, פון אייגענעם, די קדושה און דאָס לייד.

ס׳האָט זייער שריט באַגלייט אַ זקנס לעצטער בליק,
ס׳האָט זיי באַהיט, באַוואַכט אַ מוטערס לעצטע טרער,
און זייער האַנט געוואָרן איז געבענטשט מיט כוח און האפט
און ס׳איז אַ פלעשל נאַפט געווען דאָס גרויזאַמסטע געווער.

פון די ישיבות זענען זיי געקומען, פון „דרור״, פון „החלוץ״,
פון מעדעם־שולן, פון פאַבריקן און ווארשטאַטן —
קינדער, וואָס האָבן נעכטן נאָך געשפּילט זיך אינעם זאַמד,
זקנים, וועלכע האָבן שוין געהאַט תכריכים צוגעגרייט,
איצט האָבן זיך געלערנט ווארפן ציגל און גראַנאַטן.

און אַלץ אַרום איז אַזוי פרעמד און שנאהדיק און בייז,
אַפילו אין קראַשינסקי־פּאַרק, פון יענער זייט פון מויער,
ווערן די גרינעביימער, ווי מונדירטע ס.ס.־לייט,
וואָס שטייען אויף דער וואַך אַרום דעם געטאָ־טויער.

און אַלץ פאַרראַט — די שיין, דער ווינט, די נאַכט, דער שכן,
און יודאַס איז אַ יעדע גאַס, אַ יעדע שוועל און שטיין,
וואָס פאַרקויפט פאַר דרייסיק זילבערלינג צום מערדער
דיין מאַמען און דיין שוועסטער, דיין טרוים און דיין געוויין.

מען האָט צו קיינעם מער געהאָפט, אויף גאַרנישט מער געוואַרט,
ווען ס'איז פאַרקלונגען צו דער וועלט דער לעצטער „ס. אָ. ס."
און ווען ס'האָט קיינער נישט געענטפערט אויף דעם לעצטן רוף,
האָט אויפגעפלאַמט דורך בלוט, דורך אייגענעם, דער נס.

בלויז צו דער מערב־זייט, צו מזרח־זייט, צו צפון און צו דרום
האָט מען זיך געווענדט אין יענער שעה פון איינזאַמקייט און נויט,
ווי איינצוקאַרבן די צוואה אין הימל, שטיין און בוים:
— מיר אַלע גייען זיך פריי משדך זיין מיט טויט —

דער בראַנד פון געטאָ האָט פאַרזעגנט די וויעס פון דער זון,
זי זאָל די אויגן נישט פאַרדעקן, נאָר זען, אַלץ מוזן זען,
און מוזן עדות זאָגן יאָר נאָך יאָר, פון דור צו דור
— אין יענע טעג, אויף אָט דעם אָרט אַזוי איז עס געשען —

נישטאָ קיין וואָרט וואָס זאָל כאָטש אויף אַ רגע
זיי קענען אויפמאָנען צוריק פון יענער הויך,

פון דאָרט, ווו זיי, די איינגעוויקלטע אין פלאַמען,
די איינגעוויקלטע אין פאַנען און אין רויך,

האָבן צום לעצטן מאָל געבענטשט די ערד מיט אַפּנעם,
זשעדנעם בליק,
און הימלען אויפגעפּראַלט, ווי טויערן צום גליק, —
נישטאָ קיין וואָרט, וואָס זאָל זיי אויפמאָנען צוריק,
נאָר דו, מיין האַרץ, אויב קענסט, דו גיי זיי נאָך
און ווער פאַר זייער לעצטן טרוים דער המשך און די וויג.

„עקזאָדוס 1947"

דאָס קרעמאַטאָריום־פייער האָט שוין זייערע פיס געלעקט,
די פּאַרציע גאַז איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר זיי
און ס׳האָט גענומען שוין די מאָס פון זייער האַרץ
דאָס צוגעשפּיצטע, קליינע שטיקל בליי.

אָ, קום און זע די אויסגעברענטע חתימות
אויף הענט, אויף יידישע פּיאַלעטיק און פאַרבלויט,
די לאַנגע ציפערן פאַרקיילעכדיקט דורך אומקום,
די לאַנגע ציפערן, ווי וועג־ווייזערס צום טויט.

איצט קלאַמערן זיי זיך אין אַ ברעט פון שווימענדיקער שיף,
די הענט, פאַר וועלכע ס׳דאַרף זיך יעדער בוקן אויף די קניען,
און ס׳דאַרף ביי זיי פאַרגעבונג בעטן גאָט אַליין
דורך יעדן זון־אויפגאַנג און דורך אַ יעדער שקיעה.

זיי קלאַמערן זיך אין אַ ברעט פון שווימענדיקער שיף —
אין די טרעבלינקעס האָט אין זיי זיך אויסגעגליט דער טרוים

פון היים, פון היימישער, פון אייגנער גרודע ערד,
ווו ס׳ענדיקט זיך דער נע־ונד ביים מדברדיקן זוים.

די פים, וואָס קרעמאַטאָריום־פייער האָט געלעקט,
זיי מוזן דייטשע בלוט־ערד איצט אויפסניי באַטרעטן.
עס ווערן מיט אַ יעדן טריט די ווונדן אויפגעריסן —
און אויף „עקזאָדוס״ שווימט אַוועק אַ נייער פליט,
אונטער דער וואָך פון אויפגעשטעלטע, שאַרפע באַיאָנעטן
עס שווימט אין אומבאַקאַנטער ווייט אַוועק דער וועלטס געוויסן.

שטאָקהאָלם, אלול 1947

אויף אַלטע וועגן

פאַרשרפה'טע פון מדבר און פון גורל,
צוגעוווינט צו יעדן לייד און פּיין,
האָבן זיי צו אַלע בבלס פון דער וועלט
נישט איין מאָל שוין אַרויסגעפירט דאָס יידישע געוויין.

זיי האָבן שוין געמאָסטן יעדן חורבן
פון מדברדיקן נגב ביז צום אררט
און צו די קרייצונגען פון גאָרער וועלט
אַרויסבאַגלייט דאָס פאָלק אויף נע־ונד.

עס האָט געשטייניקט זיי אַ יעדע תקופה,
אַ יעדער פרעמדער דור זיי איינגעשפּאַנט אין יאָך —
ווי ווייזערס האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט
אויף לעצטער שעה פון אומגליק און פון בראָך.

איצט ליגן זיי אין שייד פון הויכע בערג,
ווי שווערטער אויסגעשמידט דורך יהוהס צאָרן,

און ס׳טליעט נאָך אין זיי דער לעצטער גלי
און דער אָפּשיין פון דעם ברענענדיקן דאָרן.

ווי ס׳וואָלט דער צער, וואָס גייט פון דור צו דור
אריינגעוואַקסן אין די קנייטשונגען און פלעכן,
זענען זיי געוואָרן אַזוי שווייגנדיק און האַרט,
אַז ס׳קען זיי גאָרנישט מער פאַרחידושן און ברעכן.

נאָר, ווען אויף זיי, די שווער-געפּרוווטע ווענט,
עס וועלן שטעלן זייער ערשטן גאַנג און טראָט
פיס, וואָס קומען פון די אוישוויצס און טרעבלינקעס,
צי וועלן זיי נישט אויפשרייען צו גאָט

מיט אַ געיאָמער גרויסן און מיט ווילדסטער קלאָג,
און אויפברעכן אויף זיך פון בערג די האַרטע שייד
און מיט דעם שפּיץ אַ קער טון זיך צום הימל
צו רייסן קריעה אין זיין גלאַטיק-בלויען קלייד?

און זאָל עס רעגענען מיט שטערן, ווי מיט טרערן,
און זאָל דער גאַנצער הימל ווערן שוואַרץ און בלינד —
עס קומען פיס פון אוישוויץ און טרעבלינקע
און ס׳חתמעט-צו אַ יעדער טראָט דעם הימלס זינד.

שטאָקהאָלם, יולי 1947

צו מיין טאָכטער

כ׳האָב דיך געפירט פון לאַנד, ווו אונטער יעדן שריט
עס שפריצט צערים׳נע ערד מיט בלוט, מיט שרעק, מיט גרויל,
ווו ס׳איז אַ גנאָד דער גיכער, אומגעריכטער טויט
און ס׳בענטשט איר קינד אַ מאַמע מיט אַ שאַרפער קויל.

ס׳האָבן די בליענדע אַקאַציעס אַרויסבאַגלייט דעם הימל
באַגלייך מיט אונדז אויף וועג דעם נע־ונדן, שווערן
אין יענעם טאָג — און זייער זיסער, דושנע־שווערער ריח
האָט שוין געשטיקט די לופט מיט קומענדיקע טרערן.

עס האָט געפעלט מיר מוט אַ קוק טון אויף צוריק,
און אַז כ׳האָב בלויז אַמאָל אין טרוים דערזען מיין היים
און מיין מאַמעס פּנים — זענען גראָ געוואָרן מיינע שלייפן
און מיינע אויגן טרוקן, נאָר יעדער טריט — געוויין.

און כ׳ווייס נישט מער פאַר וועמענס לעבן כ׳האָבן צו בעטן,
כ׳ווייס נישט דורך וויפל קברים כ׳בין נענטער געוואָרן דער ערד,
ביי וועמענס טיר עס וועט זיך אָפּשטעלן מיין מידער טראָט,
ביי וועלכער שוועל צו פאַלן עס איז מיר באַשערט.

נאָר דו און איך — מיר איינציקע און לעצטע פון אונדזער גאַנצן שטאַם —
איך האָב דיין יוגנט אָנפאַרטרויט אַ מזלדיקן שטערן,
ווי ס'האָט מיין מאַמע אָנפאַרטרויט איר גאָט די שטילע תפילה,
ווי ס'האָט מיין באָבע אָנפאַרטרויט איר האָר די הייסע טרערן.

נאָר דו און איך — און טאָמער וועל איך נישט דערגיין,
וויינט דאָך מיין מאַמעס תפילה אין דיין בלוט,
עס ציטיקט זיך אין דיר דער רוף פון אַלע דורות
און ס'וואַרט די סטעזשקע אין מיין דאָרף אויף דיינע יונגע טריט...

מאָסקווע, 1944.

איך בין שוין אַזוי צייטיק

איך בין שוין אַזוי צייטיק דורך לייד און דורך צער,
אַז אַפילו גאָט אַליין
קען זיך אַנפאַרטרויען מיין האַנט —
איך וועל אים זיכער ברענגען
אַהין, אין י ע נ ע ם לאַנד.

מיין בענקשאַפט האָט שוין אויספאַריכט דאָרט אַלע וועגן,
מיין האַרץ האָט אויפגעשטעלט צוריק
איעדע חרובע, פאַרברענטע בריק.
עס וועלן נישט פאַרבלאָנדזשען מער
מיין טרער,
מיין טראָט,
נישט דו, מיין גאָט.

מיר וועלן בלייבן שטיין
ביי מיין מאַמעס טיר
און קושן דעם שטויב פון איר שוועל
און האַלטן אַזוי לאַנג די קליאַמקע אין דער האַנט
ביז ס׳וועט איר שטילער אָטעם זיך דערהערן
פון יענער זייט וואַנט.

ווער וועט דער ערשטער עפענען די טיר —
ווער וואַרט נאָך אין דער שטילער היים אויף מיר?
צי וועט אַ צווייגל פון אַ בוים
דורך בלאָענדיקער שויב
אָנקלאַפּן מיט קינדערישער האַנט
ביי מיין מאַמעס טרוים:
— ס'איז עמיץ דאָ געקומען פון אַ וויטן לאַנד? —

זאָג, פאַרוואָס־זשע צעגערסטו מיין גאָט?
איך האָב דאָך היינט ביינאַכט דאָרט אַלע וועגן אויספאַריכט
און אויפגעשטעלט אַיעדע בריק
צו יענעם שטילן הויז,
צו יענעם סאָד —
צי אפשר האָסטו מורא, גאָט,
פאַר דעם צוריק?

מאָסקווע, 1944.

מיין מאַמע

אנשטאָט א מצבה אויף
איר אומבאַקאַנטן קבר.

זינט דו ביסט מער נישטאָ, בין איך געוואָרן המשך
פון אַלע דיינע נאָך נישט אויסגעלעבטע טעג,
און דו ביסט אַזוי שטיל אין מיר אַריינגעפלאָסן,
גלייך כ׳וואָלט געווען פון לאַנג פאַר טרוים דיינעם דער ברעג.

און כ׳בין איצט קלוגער און באַשיידענער, מיין מאַמע,
גלייך כ׳וואָלט דעם ג אַ נ צ ן האַרבסט אין זיך אַריינגענומען
און דורך דעם בלעטער-פאַל פון מיינע מידע טעג
זיך איינגעהאָרכט אין לייד, וואָס דאַרף צו מיר נאָך קומען.

איך ווייס שוין, אַז פון אַלע רייזעס צו דעם גליק
דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו ערשטער קינדער-טרער,
ווי צו אַן אייגענער שוועל, דאָרט ערגעץ, צווישן חורבות,
וואָס וואַרט נאָך אַלץ געטריי, ווען ס׳וואַרט שוין קיינער מער.

און כ'ווייס שוין, אַז צוליב דער קאַרגשאַפט פונעם האַרץ,
ווען עמעץ וואָרט אומזיסט אויף בליק, אויף וואָרט, אויף קלאַנג,
בלייבט מען שטיין ביי דעם ראַנד פון דער אייגענער נאַכט,
ווי אין מיטן פון זומער אַ ליידיקע זאַנג.

איך ווייס שוין, אַז מיין וואָרט איז בלויז אַ שטילע שפּור,
די שפּור נאָך טעותן, וואָס אַדערן זיך איין
אין רוי־ערד פונעם זיין — און ס'איז מיין וואָרט אַ זיווג,
דער זיווג, וואָס פאַרבינדט מיך מיט דער מינדסטער שיין.

כ'ווייס שוין אַ סך, אַ סך, גלייך דורך די פאַלדן ערד,
וואָלטסט אַנגערירט מיין קאָפּ מיט דיינע שטילע הענט —
נאָר ס'שטייט נאָך אַלץ מיין וויסן אָרעם און פאַרשעמט
פאַר אָט דער פּשטות, וואָס דו האָסט דורך זיך אַליין דערקענט.

עס איז נאָר דיר געווען באַשערט די חכמה פונעם האַרץ
דערפירן אַזוי גאַנץ צום ראַנד פון אייגענע ליפּן,
אַז ווערן זאָל דאָס וואָרט, ווי היים, ווי טעגלעך ברויט
פאַר יעדן, וועמען ס'האָט די ליבע אויסגעמיטן.

נאָר דיר איז עס געווען באַוויליקט, מאַמע מיינע,
זיך אָנפאַרטרויען אַזוי גאַנץ דער אייג'נער, שטילער טרער,
זי זאָל דיך צופירן צום סאַמע אָנהויב צער,
וואָס קען פון זיך אַליין שוין נישט אַנטרינען מער.

און בלויז ביי דיר, ביי דיר האָט עס געקענט געשען,
אַז דער קרייז פון דיין בליק, ווי אַ דאַך, ווי אַ וואַנט,

זאָל אַרומנעמען אַלץ, וואָס איז איינזאַם און הפקר,
פון קראַנקער שוואַלב ביז אַ פאַרשעמטער, אויפגעשטעלטער האַנט.

פון אַלע רייזעס צו דעם גליק, קער איך זיך אום צוריק
צום סאַמע טיפסטן, לעצטן אור־זין פונעם לייד,
און צו דער גרויסער תמימות פון דיין ליבשאַפט,
וואָס איז שטאַרקער פון טויט און אייג׳נער איינזאַמקייט.

מאָסקווע, אלול 1944.

צו מיין מאַן

ווי יעקב האָסטו זיך פאַרדונגען צו מיין גורל
אויף דריי מאָל זיבן יאָר,
און מיינע טעג און נעכט געהיטן מיט געטריישאַפט,
און נאָכגעגאַנגען מיט דיין האַרץ נאָך מיין איעדער שפּור.

נישט איין מאָל האָב איך דיך פאַרלאָזט אין מיינע לידער,
וואָס האָבן מיך אַוועקגעפירט אויף וועגן פון באַגער
צום אויסגעטראַכטן המשך פון אַ פרעמדן לעבן
און צום בראשית פון אַן אייג׳נער, אמתדיקער טרער.

האָסט געהאָרכט אין די נעכט מיין פאַרטאַיעטן שלוכץ
און אַזוי אומבאַהאָלפן איז געווען די תפילה פון דיין בליק,
וואָס האָט גערופן מיך פון די לבנה-סטעזשקעס
און פון די אָפּגרינטן אַ היים, צו דיר צוריק.

האָסט געטראָגן דעם סוד פון מיין ליבע צו אַנד׳רע,
ווי דיין אייגענע, שווערסטע זינד,
און האָסט געזוכט פאַרטייטשונג און פאַרגעבונג
אין די אויגן גלויביקע פון אונדזער קינד.

ס׳פאַרלאַנגט איצט קיינער מער פון מיר דעם חשבון פון די טרערן,
און ס׳איז מיין האַרץ שוין לאַנגע יאָרן נע־ונד,
עס נעכטיקט ביי די פרעמדע שוועלן, ווי אַ הונט
און ס׳איז מחוץ איעדער ליבע און פאַרראַט.

איצט שטייט שוין קיינער חוץ דעם טויט צעווישן דיר און מיר!
עס חשוונען זיך מיינע נעכט, די טעג שוין אָפּגעבליט,
נאָר כ׳פיל, ווי ס׳גייט נאָך אַלץ דיין שטילער אָטעם נאָך
נאָך די פרישע שפּורן פון מיין ליד.

שטאָקהאָלם, V-23 1947.

מיין ברודערס הענט

צו מיין ברודער העניעקס
פינפטן יאָרצייט.

כ׳געדענק זיי גוט די הענט, מיין ברודערס קינדער-הענט,
פולכנע און ראָזלעכע, מיט גריבאַלעך אין מיטן,
ווי נעסטן פאַר גאָטס טרוים און פאַר אַ מלאכס שלאָף,
ווי פרילינגס-צייט פון עפּלבוים די אויסגעקנאָספּטע בליטן.

געחתמעט האָט מיין מאַמע זיי מיט קושן און מיט טרערן
פאַר אומבאַקאַנטן גורל און פאַר בייזן בליק —
און די שמאָלע ליניעס אויף די קליינע דלאָניעס
האָבן זיך געאָדערט, ווי אַ נעץ פאַר גליק.

***

קיינמאָל איז די אָרעמקייט דורך זיי פאַרשעמט געוואָרן,
דורך זיי האָט קיין שום נפש נישט פאַרלוירן ס׳לעבן —
צו העלפן שטענדיק גרייט, צו פרעמדן לייד געטריי,
און שטענדיק אָפענע צום געבן, געבן, געבן.

עס האָבן ווילדע פערד הכנעהדיק געפּאַלגט
איעדן ווונק, און ס׳האָבן פּרעמדע הינט געטוליעט זיך צו זיי,
דאָס אונגער־פעלד עקרהדיק פאַרלאָזט
דורך זיי איז אויפגעריכט געוואָרן צום פאַרזיי.

ס׳איז אַלץ געוואָרן מיט גערעטעניש געבענטשט
צו וואָס עס האָבן זיך די הענט בלויז צוגערירט —
נישט איין מאָל האָט מיין טרוים זיך שפּעדיק צעבליט,
ווען ס׳האָט מיין ברודערס האַנט מיין האָרץ צום ליד געפירט.

מסתמא שטייט נאָך איצט דער שלאַנקער קאַשטאַן־בוים,
וואָס מיר האָבן איינגעפּלאַנצט ביי אונדז׳רע כישוף־שלעסער,
און זיך געמאָסטן ביי זיין שטאַם איעדעס יאָר אויפסניי
מיט וויפל ווער פון אונדז איז אויסגעוואַקסן גרעסער.

אַווו איז אונדזער כישוף־שלאָס און ווו איז אונדזער היים,
ווו ביסטו, ברודער מיינער, ווו זענען אונדז׳רע טרוימען?
ס׳וואַקסט שוין אַ נייער בוים אויף אַש פון דיינע הענט
און צייטיקט אָרום בעלזשעץ נייעם צווייט און זוימען.

II

כ׳געדענק אויך גוט דאָס קליינע, ברוינע וועגאַלע,
אין וועלכן כ׳האָב געפירט מיין ברודערל שפּאַצירן,
און דורך דער גרינער לאָנקע און דורך די פּלאַטערלעך
געלאָזט זיך ווייט אַוועק פון שוועל און שטוב פאַרפירן.

און די צוויי פּרעמדע, בייזע הינט מיט צונגען פלאַמיק־רויט,

וואָס זענען פּלוצים קעגן מיר פון וואַלד אַרויסגעלאָפן,
זענען געווען, ווי טונקלער גרויל פון אַלע שוידער־מעשיות,
וואָס האָט מיין קינדהייט אומבאוואַכט אין מיטן וועג געטראָפן.

איך בין געוועזן דאַן נישט מער ווי זעקס אַ האַלבעס יאָר,
און ס'האָט די גרויסע שרעק מיין קינדער־האַרץ פאַרבלענדט,
בין איך געלאָפן מיט אַ שריי צוריק אַ היים נאָך הילף,
פאַרביי מיין ברודערס קליינע, אויסגעשטרעקטע הענט.

די הינט, זיי זענען אַזוי גרויס און איך בין אַזוי קליין,
כ'וואָלט גאָרנישט נישט געהאָלפן, ווען עפּעס וואָלט געטראָפן,
און דאָך, כ'ווער היינט נאָך רויט, ווען איך דערמאָן זיך עס —
כ'בין נישט געבליבן דאָרט מיט אים, נאָר כ'בין אַליין אַנטלאָפן.

צי איז דאָס אפשר דאַן געוועזן שוין אַ רמז
אויף דעם שפּעטערדיקן המשך פון מיין לעבן —
צי האָט מיר דעמאָלט שוין געוויזן גאָט די זינד,
וואָס קיינמאָל וועט זי קיינעם נישט פאַרגעבן?

צי מוז איך שטענדיק אָפּהיטן און טראָגן שוין אַזוי
מיין אָרעם, נישטיק לעבן פון אָרט צו אָרט, פון בראָך צו בראָך,
און מער נישט קענען ביישטיין דעם נסיון פונעם וואָרט,
וואָס קומט, ווי זינד אַנטקעגן און גייט ווי גורל נאָך?

וואָס איז דען ס'אייביקע געבעט אין שורה און אין ליד
אַנטקעגן איין איינמאָליקער און שטאָלצער טאַט?
צי איז דען נישט אַ יעדעס וואָרט, וואָס כ'בלוטיק אויס
לגבי ז יי און זייער טויט פאַרשוועכונג און פאַרראַט?

III

ס'האָט אָפּגעגליקט דער תמוזדיקער וואָך —
עס האָבן טעג, ווי שנורן גילדענע געבינדן
די תבואה צייטיקע אין פּולע, שווערע גאַרבן
און זיי אויפגעשטעלט אַנטקעגן ווינט, דעם לינדן.

ס'איז יעדער זונפאַרגאַנג געווען אַ רמז אויף אַ גלייכן מאָרגן —
ס'האָבן זיך שייערס שוין פאַרשטענדיקט מיט די סטויגן
אין פעלד דורך טויבן אויפגעריסענע פון טרוימען,
וואָס זענען, ווי אַ ווייסער פּאַטשט אהין, אַהער געפלויגן.

ס'האָט גאָרנישט אָנגעדייט, אַז ס'וועט אַן אַנדערער דער פרייטיק ווערן —
ס'איז אפשר מיט איין שאָטן בלויז געוואָרן שטילער
פויגל-געזאַנג אין וואַלד, הכנעהדיקער ס'גראָז,
און דער ריח פון מאַלינעס נאָך שטאַרקער און נאָך פולער.

און גאָרנישט מער — איך בין געפאָרן פון דער שטאָט אהיים
מיט העניעקן, מיין ברודער, און דער גאַנצער גלויבן
פון מיינע צוואַנציק יאָר אין טאָגס באַשטענדיקייט
איז געוואָרן דורך מיין ווייסן קלייד באַשטעטיקט און דערהויבן.

נאָר פּלוצים זענען זיי געשטאַנען צווישן מיר און זון,
די כמאַרעס, ווי אַ טונקל רעטעניש פון געטער,
וואָס קען אַנטציפערט ווערן ערשט ביים גרעלן שיין פון בליץ
דורך חיה און דורך מענטש, דורך גרעזער און דורך בלעטער.

די ברייטע סטערנע־פעלדער האָבן שוין געדעמערט,
ווי דאָס נישט געגאָלטע פּנים פון אַ מת,
און בלויז די שוואַלבן האָבן נאָך געשניטן קרומע וועגן
פאַר ספּקדיקע מעגלעכקייטן פון אַ נס.
געדונען איז געוואָרן אין נאַכט דער העלער טאָג —

עס האָט אַ שאַרפער ווינט אַ ריס געטון, צעפלאַטערט
דאָס ווייסע קלייד מיינס, ווי אַ חופּה־שלייער
אום צו פאַרדעקן פון דער נאַכט דאָס פּנים,
וואָס האָט דעם טאָג פאַרביטן, ווי איינסטמאָל רחלען, לאה.

די ווייטע דונערן געגראַגערט האָבן שרעק,
עס האָט אַ שניט געטון די לופט אין פלאַמיקן געדריי
אַ בליץ, ווי ס'וואָלט דער הימל מיט אַ לעצטן קוש
פאַרמאַכט דאָס מויל פון ערד צעעפנטע צום שריי.

מיט איין מאָל האָט מיין ברודער זיך אַ ריס געטון פון אָרט,
(עס האָבן אַלץ געיאָגט אין ווילדן לויף די פערד)
און איז געשטאַנען, בײדע הענט צום הימל אויפגעהויבן,
ווי אַ כהן, וואָס רייסט אַראָפּ די ברכה אויף דער ערד.

עס האָבן איבער אים געקרייצט זיך שאַרפע בליצן
אין אַ זיג־זאַגישן און פלאַמיקן געפלעכט —
האָט ער אַראָפּגעכאַפּט זיין היטל און געפאָכעט,
גלייך ר'וואָלט די ג אַ נ צ ע פינצטערניש גערופן צום געפעכט.

„וואָס טוסטו, ברודער? — וואָס איז מיט דיר געשען” —
ער האָט אַריינגעשמייכלט בלויז אין מיינע שאלות,

און האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט לויכטנדיקע אויגן
„דו זעסט דאָך — איך צעטרייב איבער דיין קאָפּ די כמאַרעס" —

און ס'איז געווען אַזאַ פּולער, זיכערער פאַרטרויען
אין אים צום כוח פון זיין ליבשאַפט גרויסער און געטרייער,
אַז כ'האָב מער נישט געפילט קיין פּחד פאַר די בליצן
און די כמאַרעס זענען מיר געוואָרן נאָענט און טייער.

IV

און ס'איז געווען באַשערט די הענט, מיין ברודערס הענט — — — —
די גורל־ליניעס, וואָס מיין מאַמע האָט אַמאָל מיט טרערן שטיל באַגאָסן,
זענען זיך צונויפגעלאָפן אין איין פונקט, ווי אין אַ ווונד,
אין וועלכער ס'איז דאָס ג אַ נ צ ע הארץ אריינגעפלאָסן

און זיך אויפגעריסן, ווי אַ לעצטער שריי —
ווען ס'האָט די שאַרפע לאַפּאַטע אין אָט די דלאָניעס צוויי
געשניטן פלאַסטן ערד, ווי פרילינג צום פאַרזיי
פאַר זיי, נאָך לעבעדיקע, מוטער, ווייב און זון — די קברים דריי.

מיין מאַמעס לעצטער בליק האָט נאָך אין זיי געציטערט
און זיי געבענטשט, די הענט פון איר באַגרעבער —
און ס'האָט זיך דאַן איר לאַנגע, בלאַנדע האָר פאַרטשעפּעט
אַרום די פינגער זיינע, ווי אַ שטילער נדר.

עס איז געווען באַשערט די הענט, מיין ברודערס הענט דאָס שווערסטע אויסצופירן —

פארוואס-זשע בין איך נישט געווען דעמאָלט דאָרט מיט דיר צו-
זאמען?
צי מוז שוין זיין מיין גאנצעם לעבן בלויז אַ שקלאַוו פון טרערן
פארשטיינערטע אין פערזן און פונעם צער אין גראַמען?

כ'בין אַזוי מיד, מיין ברודער, און אַזוי אַליין —
קענסט אפשר קומען כאָטש אַמאָל צו מיר אין חלום,
און אַזוי, ווי דעמאָלט אויפן וועג
פארטרייבן איבער מיר די כמאַרעס מיט דיין אָרעם?

שטאָקהאָלם, 5-VI 1947.

דער וועג

ס׳איז נאָך נישט אויסגעשעפּט אַלץ ביז צום סאַמע גרונט,
אין לעבן איז מיר נאָך אַ גאַנג איינער באַשערט,
וואָס ערגעץ פון מזלות האָט אים אויסגעלייענט
אין טאָג פון מיין געבורט די ווינטערדיקע ערד.

איך וועל אים גיין, דעם וועג, צי שפּעטער, אָדער פריער,
איך פיל שוין אין די פיס דעם שאַרפן שניט פון שטיין,
ווען כ׳ליג ביינאַכט מיט אויגן אָפענע און שטאַרע,
און ס׳שטייט צוקאָפּנס מיר מיין אייגענעם געוויין.

איך וועל אים גיין, דעם וועג, ביז צו זיין לעצטן בויג,
ווי ס׳זענען אים געגאַנגען אַלע, אַלע זיי —
ס׳וועט אפשר מיר פאַרטרויען מיין מאַמעס לעצטן בליק
אַ בוים, און זיך צערוישן מיט איר לעצטן וויי.

ס׳וועט מיך אַ זשאַווערדיקע שפּור, ווי אַ פאַרשטאַרטע אָדער
דערפירן צו דעם לעצטן האַרצקלאַפּ פון מיין מאַמען,
דאָרט, וווּ ס׳איז אויפגעגאַנגען נאָך אַמאָל מיין קינדערישער שמייכל
און זיך פאַרלאָשן שוין אויף אייביק מיט איר בליק צוזאַמען.

צי קען נאָך זיין אַמאָל אַ וועג צוריק פון דאָרט,
ווו ס'ווערט אַפילו גראָ דער טרוים אין איין מינוט,
ווו ס'ווערט פּריצייטיק געל דאָס גראָז, דאָס בלאַט, דער בוים,
גלייך ס'וואָלט אַרויסגעשפּאַרט דורך זיי פון ערד דאָס בלוט?

צי קען מען טרעפן נאָך אַמאָל פון דאָרט צוריק
צו שוועל, צו בעט, צו היים, צו שמייכל פון אַ קינד?
אויף יעדן קרייצוועג אויסגעשטרעקטע הענט פון טויטע מאַמעס,
צו וועלכע ס'טוליעט זיך דער חשוונדיקער ווינט.

מאָסקווע, 1944.

נקמה

אַ, שטראָף מיך, מיין האַר, מיטן גרויזאַמסטן וואָרט,
מיט קלאָרן געוויסן, מיט אכזריות פון בליק
און מיט פעסטקייט פון האַנט, ס׳זאָל וויבכן דער ציטער,
ווען ס׳וועלן די פינגער פאַרציען דעם שטריק.

כ׳זאָל ווערן אַ שקלאַף פון די נייע געבאָטן,
איינגעקריצטע דורך גופים פון די זעקס מיליאָנען
אין לוח פון ערד — און ס׳זאָל ווערן מיין תפילה
געציימיקט דורך ווערטער פון האַס און נקמה.

אויב מוטנע וועט ווערן מיין בליק פונעם בלוט
און ציטריק די האַנט פון עקליקן געוויכט
פון שונאס גוף — כ׳וועל אַ בלעטער טון דאַן
די ערד צו איר טיפסטן, צו איר אור-לעצטן שיכט.

וווּ ס׳ליגט אַ זקן גראָ, מיט דער צערים׳נער תורה
די לעצטע נאַקעטקייט פון בליק פאַרשטעלט,
און מאַמעס, יונגע מאַמעס, וואָס הילן איין אין שאַל
די קינדער זייערע פאַר קוילן און פאַר קעלט.

און אַלע ביז צום דריטן, ביז צום פערטן דור,
משפּחותווייז און איינצלווייז, ווי מ'האָט געלעבט ביז היינט,
שטעט גאַנצע, שטעטאַלעך און דערפער און כוטאָרן
אין שבטים אונטערערדישע דורך בלוט און טויט פאַראיינט.

צי קען נאָך ציטערן די האַנט, צי קען נאָך זיין דער בליק
געבענטשט מיט רחמים? — אויב דו קענסט עס, גאָט,
טאָ גיי און גיב באַשייד די אַלע אונטער דר'ערד,
איך אָבער מוז דער שופט זיין אָן רחמים און אָן גנאָד.

מאָסקווע, 1944.

די שלווה און די רו
זאָל זיי כאָטש איצט געגעבן זיין

זאָל זיי כאָטש איצט געגעבן זיין די שלווה און די רו,
דורך וויפל ראַנגלעניש זיי האָבן זי דערגרייכט —
איז וועקט זיי נישט מיט הויכן, פוסטן ווערטער־קלאַנג,
די, וועלכע ס'האָבן זיך מיט טויט שוין אויסגעגלייכט.

אָ, וועקט זיי נישט צום מאַרש, צום מאַרש מיט פלאַטער־פאָנען,
באַזיגט איז שוין די ערד מיט זייער אַש און בלוט,
עס מעלה־גירהן נאָך די טויערן פון מאַידאַנעק
דעם לעצטן שריי זייערן דערשטיקט פון רויך און גלוט.

באַדעקט דעם קאָפּ מיט אַש, כהנים פונעם וואָרט,
שטייט באָרוועס און פאַרשעמט פאַר יענעם גרויסן שטאַרבן,
וואָס האָט געגעבן אייך דעם כוח צו לעבן ווייטער,
וואָס האָט געגעבן אייך די זכיה זיי צו אַרבן.

און שווייגט, און שווייגט אַריין אין אייערע אייגענע נעכט
דעם גאַנצן צער פון יענע, דעם ווייטיק און דאָס לייד,

און מאַנט ביי זיך אַליין דעם חשבון פון די טעג,
וואָס דאַרפן געבן אייך אַ זין און אַ באַשייד.

אַ, וועקט זיי נישט צום מאַרש, צום מאַרש מיט פלאַטער-פאָנען,
באַזיגט איז שוין די ערד מיט זייער אַש און בלוט,
באַזיגט איז אויך דער הימל, באַזיגט זענען די שטערן,
און ס׳בעט פאַרגעבונג גאָט ביי זייער לעצטן טראָט.

1946.

װעלכעם װאָרט.

װעלכעם װאָרט קען מיך ברענגען אײך נענטער,
װעלכע טרער קען מיר װײַזן דעם װעג?
יעדע נאַכט מיט לבנהקער סטעזשקע
כ'זוך פֿון טויטנלאַנד אײַערן דעם ברעג.

װיפֿל זומערס און פֿרילינגס כ'מוז טויטן,
כ'זאָל דערפֿילן אויפֿסנײַ אײַער פּײַן,
און כ'זאָל שטײן אויף דער גרעניץ פֿון װעלטן,
װי אַ גראָע מצבה פֿון שטײן.

יאַנואַר 1947.

מיט וואָס

מיט וואָס זאָל איך קומען צו דיר איצט, מיין פאָלק,
איך, דאָס בלוט פון דיין בלוט און די ריפּ פון דיין ריפּ —
ווו קען איך געפינען דאָס וואָרט פאַר דיין צער,
ווען ס׳שטאַרבט יעדער ערשטלינג אויפן ראַנד פון מיין ליפּ?

כל־זמן ס׳איז מיין קאָפּ נאָך אינגאַנצן נישט ווייס,
כל־זמן ס׳איז מיין האַרץ נאָך אַליין, ווי אַ ווונד,
וואָס פאַרבינדט מיך מיט מאָרגן דורך אַ זקנס געוויין,
און דורך לעצטן געבעט פון אַ דריי־יאָריק קינד,

מוז איך שווייגן, מיין פאָלק, און בלויז אין די נעכט,
אין דער צייט פון שטרענגסטן נשמה־פאַרהער,
וויל איך בעטן, אַז ס׳זאָל אונדז באַשערט זיין די גנאָד,
דיר און מיר — די גנאָד פון אַ טרער.

מאָסקווע, 1945.

צו גאָט

פאַרוואָס קומט מיר דער טויט מיט אַ קישן צוקאָפּנס,
אַ קבר אין ערד, אַ מצבה פון שטיין,
וווּ ס׳זאָלן די וואָרצלען פון גראָזן פאַרוועבן
מיט שטילער געטריישאַפט אַמאָל מיין געביין?

ס׳האָט מיין מאַמע מיט פרומען און שטילן געפּליסטער
יעדעס יאָר אויפסניי זיך געשלאָגן על חטא,
אַז ס׳זאָל איר באַשערט זיין פון זיין ליבן נאָמען
דער טויט נאָך אַ ווידוי אויף אייגענעם בעט.

פאַר נעמען אויף זיך די זינד נישט באַנגאַנג׳נע
געפּרוווט דיך דערגרייכן אין טאָג פון באַשייד —
געשעפּטשעט מיט ליפּן פאַרבלאַסטע, באַ׳צער׳טע:
„אָ, האר, טו דיין חסד, כ׳בין אַלעמאָל גרייט״.

פאַרוואָס־זשע האָסטו אַזוי פאַרשעמט מיין מאַמעס תפילה,
דעם מערדער אויסגעגעבן צום געשפּאָט איר גוף?
צי האָט די קויל, וואָס האָט איר האַרץ צעריסן
נישט דיך געטראָפן אין דיין טיפסטער טיף?

מסתמא האָט מיין מאַמע אין איר לעצטער שעה
געפּרוווט נאָך אַליין דיין רצון פאַרענטפערן, פאַרשטיין,
כדי זאָלסט האָבן ס׳רעכט צו גיין מיט אַל׳ די טויטע,
וואָס זוכן זייער קבר, ווי היימלאָזע אַ היים.

שטאָקהאָלם, 1947.

צו וועמען האָט פּאַרטרויען אויפגעוועקטע שולד...

צו וועמען האָט פּאַרטרויען אויפגעוועקטע שולד,
וואָס פאַר אַ וועלט קען אויפגיין פון אַ מערדערס טרוים,
דורך וויפל נעכט קען שלייכן זיך ס׳געוויסן פון אַ דור,
צו וויפל קרייצן קען פאַרמשפּט זיין אַ בוים?

ווי לאַנג, ווי לאַנג וועט יעדער נאָך פון אונדז
ביי יעדן וועגראַנד צינדן שטילע יאָרצייט-ליכט,
און קדיש זאָגן ביי איעדער גרידע ערד
און לאַדן יעדן שטיין צום גרויסן וועלט-געריכט?

עס שלאָפט נאָך אַלץ דער מערדער אין מיין מאַמעס בעט
און טראָגט אויף זיך די שיך פון מיין געטויטן ברודער,
און ס׳גייט נאָך אַלץ אויף רויב די תפילה און דער קרייץ
אין דער באַגלייטונג פון די „יעזוס-מאַריאַ״ לידער.

און ס׳איז די צוועלפטע שעה פאַר מיין פאַריתומט פאָלק,
און באַרוועס גייט זיין טאָג אַנטקעגן פרעמדער זינד —
פאַרגיב, אַ גאָט, מיין פאָלק, וואָס גלויבט נאָך אַלץ, אַז דו
וועסט אויסלייזן די וועלט צוליב אַ טרער פון קינד.

5 IX 1946

ביי די טויערן פון די גאַז־קאַמערס

לזכרון די אַלע, וואָס זייערע נעמען זענען אומגע־
קומען צוזאַמען מיט זיי און וואָס קיינמאָל וועט זיי שוין
קיינער נישט דערמאָנען, ווייל זייער איינציקער יורש
דאָ אויף דער ערד איז דער צער, וואָס וואַגלט אום
צווישן אונדז.

די נאַקעטקייט פון זייער גאַנצן לייב
איז מיטאַמאָל געוואָרן, ווי די נאַקעטקייט פון טויטע —
און אַלץ, וואָס איז געווען פאַרשעמטקייט, גליק און סוד,
סימנים, מוטערס נאָר באַקאַנט, געליבטע בלויז פאַרטרויטע,

האָט אויף דער ערד דאָ אונטער זיי, ווי אויף אַ טהרה־ברעט
אַראָפּגעשווענקט אַכזריותדיקע זון און יעדן גוף
אויסגעגעבן צום געשפּאָט פון טמאהדיקן בליק,
וואָס האָט סאָרטירט זיי שיכט אויף שיכט צום סאַמע לעצטן פּרוּוו.

נאָר ס'האָבן קינדער קליינע, ווי זיי וואָלטן אין איין רגע
פאַרטויזנטפאַכיקט זייערע יאָרן ביז איבער ראַנד פון טויט,
געלערנט מאַמעס אייגענע באַצווינגען אַנגסט און שריי,

און צו באַגראָבן טיף אין בלוט דעם לעצטן פּחד,
אַז ס'זאָל דער פּייניקער, וואָס וועגט און מעסט פון שרעק
איעדן לויט
נישט קוויקן זיינע אויגן מיט זייער צער און וויי.

9־VI 1947.

צעגלאַנאַ־גאַס

י. ל. פּרצן.

דורך שטחים וויסטער ערד פירט מיך דער וועג אַהיים,
דורך חורבות און דורך אַש צו דער צעגלאַנאַ־גאַס,
ווו ס'איז אַיעדער שטיין נאָך היים פון פרישן בלוט,
ווו ס'איז אַיעדער ציגל אָנגעזאַפּט מיט האַס.

אַמאָל זענען געווען דאָ וועגנט און טרעפּ און שוועלן,
און פענצטער האָבן איינגערעמט דעם הימל און די זון,
ווי ס'רעמט די סטראָפע איין אַ טרוים און אַ געדאַנק,
ווי ס'רעמט אַ גרינער ברעג דעם קלאָרן טייך אַרום.

און קינדער האָבן דאָ געשפּילט ביים טויער שעהען־לאַנג
מיט ליאַלקעס און מיט זאַמד, מיט שמאַטקעס רויטע, גרינע —
פיל ליבשאַפט און געטריי האָט זיי אַרומגעזוימט
דער שאָטן פון דיין ברייטער, טונקלער פעלערינע.

אויף דיר האָט דאָ געוואַרט דער שטילער באַנציע שוויג,
עס זאָל זיין ערשטער וווּנטש דורך דיר מקוים ווערן,

אַז צוגיין זאָלסטו מיט אים צום כסא של מעלה
און מיט דיין ערדיש וויי פאַרשעמען זאָלסטו די שטערן.

פון דאַנען האָט געפירט דער טראַקט צום „אַלטן מאַרק",
ביסט אים געגאַנגען אַפּט צוגלייך מיט יידן אַלע,
און ערגעץ טיף אין זיך געטראָגן האָסטו דעם שפּרוך,
דורך וועלכן ס'וועט דערלייזונג צייטיק און נתגלה.

ס'איז חודש ניסן איצט און ס'בליען ווי אַמאָל
אין היים מיינער די ווײַנשל אין סאָד און נעבן שליאַך,
ס'פּעדימט זיך איין די שוואַלב מיט טונקלעם, שאַרפן פלי
אין נעסט אונטער דעם אַלטן, האַלב-פאַרברענטן דאַך.

מיר קומען אויך צוריק פון ווייטע דערפער, שטעט,
פון וועלדער, בונקערס, לאַגערן און טיפע ערדן-לעכער,
די יורשים פון די זעקס מיליאָנען פרישע קברים,
די יורשים פון דיין ליד, פון דיין „אויב נישט נאָך העכער"...

מאָסקווע, 1945.

צו דיר, ערד

כ'האָב געלערנט ביי דיר פאַרשטיין פרומע זאָרג
פאַר קערל, וואָס איז נאָך פאַרוויקלט אין טרוים,
און דאַרף דאָך שוין ווערן דיין תפילה צו זון,
און דאַרף דאָך שוין ווערן דיין אויפגאַנג — אַ בוים.

האָסט פאַרביטן די רו פון די גלאַנציקע שטערן,
פון אייגענער שיינקייט כהנים און שקלאַפן,
אויף מי און אויף שוויים, אויף טרערן און בלוט,
אויף אייביקן אומרו פון זוכן און שאַפן.

דורך דער פאָרעם פון וואָרעם, דורך גרינקייט פון בלאַט
ווערט דיין טיפסטער געדאַנק נתגלה און רייף,
און ווען ס'שפּאַלט זיך די זריעה אין דיין וואַרעמער טיף
מיט אַ דינינקן פאָדעם, ווי אַ בלאַס גרינע שלייף,

ווערט עס פרילינג אין מיר, אין מיין האַרץ, אין מיין בלוט,
און איך ווייס שוין אַליין נישט אין יענער מינוט
ווער צו ווענען עס גייט — איך צו דיר, דו צו מיר,
צי זענען מיר ביידע איין טרוים און איין ליד?

כ׳בין אַ טייל דאָך פון דיר, כ׳בין דער זיווג פון וועגן
אין דיר איינגעשניט׳נע דורך הייסן באַגער,
וואָס זענען דער אָנהייב פון אַן ערשטער בענקשאַפט,
וואָס זענען דער המשך פון אַ לעצטער טרער.

כ׳קען דאָך אויך דאָס פאַרגיין פון שטילסטן פאַרלאַנג
ביים צוקאָפּנס פון יונגער, צעזוניקטער פרייד,
און דעם אויפגאַנג פון וואָרט אין דער איינזאַמסטער שעה
ביים בראשית פון גרויסן און מענטשלעכן לייד.

נעם-זשע אויף מיינע טריט, מיינע באָרוועסע טריט,
ווען כ׳וועל קומען צוריק אין דעם לאַנד פון עקדה,
און ווען רופן כ׳וועל „מאַמע״ דורך פאַריתומטער לופט,
ענטפער דו כאָטש, איך מיין דאָך אייך ביידע.

כ׳וויים, דאָרט וואַרט נישט אויף מיר נישט קיין שוועל, נישט
קיין דאַך,
אין דעם לאַנד פונעם אַש און פון קברים,
און נאָך יאָרן פון הפקר און פון נע-ונד
שטרעקט מיר קיינער אַנטקעגן זיין האַנט און זיין אָרעם.

נאָר דו ביסט נאָך דאָ — נעם מיך אויף ווי דאָס קערל,
ווען ס׳וועט קומען די שעה, ווען ס׳וועט קומען מיין צייט,
זינג מיך אויס צו דער זון אין פרימאָרגן פון פרילינג
דורך אַ העל-גרינעם גראָז, דורך אַ בלאַט, דורך אַ קווייט.

מאַסקווע, אויגוסט 1945

רחל

עם האָבן ווינשל בליענדע דעם הימל אויפגעשלאָסן
פאַר מיין מאַמעס ווערטער באָרוועסע און שטילע,
נאָר ס׳האָט ביים עירוב פון מיין ערשטער טרער
זיך אָפגעשטעלט דער ניגון פון איר תפילה.

כ׳האָב זיך פאַרשעמט, ווי כ׳וואָלט אַליין געשטאַנען דאָרט
אין גליענדיקער היץ פון יעקבס יונגע אויגן,
און ווי ס׳וואָלט צו דעם ברונעם אונטער שווערן שטיין
מיין אייגן גורל די פאַרשמאַכטע ליפּן צוגעבויגן.

נאָר ס׳זענען שוין פאַרחתמעט יעקבס וואַרטנדיקע יאָרן
דורך געלע, שאַרכענדיקע בלעטער פון דער תחינה,
און ס׳קענען זיי נישט אויסלעשן די זיבן הייסע טרערן,
און רחלס טרויער קענען נישט פאַרשטעלן לאַנקעס גרינע.

און ס׳פירט מיך שוין מיין מאַמעס דאַוונענדיקער ניגון
אויף בית-לחמס שטייניק-האַרטע, וויסטע וועגן,
און כ׳זע שוין יעקבס קאָפּ אונטער דעם גראָעס אַש,
און וויל שוין מער נישט הערן און דאַרף שוין גאַרנישט פרעגן.

נאָר אויב ס׳איז טאַקע וואָר, אַז ס׳שטאַרבן יונגערהייט
די, וועלכע גאָט אַליין פאַרקנסט און אויסדערוויילט
האָט דורך אַ קוש אין שטערן אין שעה פונעם געבוירן
צו גרויסער ליבשאַפט און צו גרויסן לייד,

דאַן וויל איך שטאַרבן אויך אַזוי, ווי יענע,
וואָס כ׳טראָג איר נאָמען און עס האָט איין גורל אונדז געזויגן —
כ׳וויל שטאַרבן ערגעץ אויפן וועג צו בענקשאַפטס־ברעגן ווייטע,
נאָר מיט אַ לעצטן קוש אין מיינע ביידע אויגן.

עס ליגט שוין אויף דער גאָרטן־באַנק מיין מאַמעס אַלטע תחינה
און איך שטיי אַלץ נאָך וואַרטנדיק אונטער דעם וויינשל־בוים,
ס׳איז פול דער קרוג, דער ליימענער מיט וואַסער קלאָר און קיל
און ס׳בייגט אים אָן מיין לינקע האַנט צו ליפּן פונ׳ם טרוים.

נאָר פאַרוואָס־זשע הייסט דער פאַסטעך פון מיין טאַטנס שאָף
נישט יעקב, נאָר איוואַן און פון זיין גאַרטל בליצט אַפיר די האַק,
און ס׳ליגט שוין אין זיין בוזעם אָנגעגרייט
פאַר מיין מאַמעס שבת־קלייד אַ זאַק?

שטאָקהאָלם, מאַי 1947.

כ'וויל צוגיין אַמאָל

כ'וויל צוגיין אַמאָל,
אויף פינגער־שפּיצן בלויז
צו אַ פרעמדן הויז
און מיט מיינע הענט באַטאַפּן די ווענט —
פון וואָס פאַר אַ ליים עס זענען די ציגל געברענט,
פון וואָס פאַר אַ האָלץ די טיר איז געמאַכט,
און וואָס פאַר אַ גאָט האָט דאָרט זיין געצעלט,
אַז ער האָט עס פון אומגליק און חורבן באַוואַכט?

וואָס פאַר אַ שוואַלב האָט אונטער זיין דאַך
פון שטרוי און פון ערד געקלעבט זיך איר נעסט,
און וועלכע מלאכים פאַר מענטשן פאַרשטעלטע
עס זענען געקומען אַלס געסט?

וואָס פאַר אַ צדיקים האָבן זיי באַגעגנט
און שיסלען מיט וואַסער געטראָגן אַנטקעגן
אום צו וואַשן דעם שטויב פון זייערע פיס,
דעם שטויב פון די ערדישע וועגן?

און וואָס פאַר אַ ברכה האָבן זיי געלאָזן
די קינדער — פון גרוים ביז מעזינקע,
אַז זי האָט זיי באַשערמען געקענט און באַהיטן
פאַר בעלזשעץ, מאַידאַנעק, טרעבלינקע?

פון אָט אַזאַ הויז,
באַצוימט מיט באַמאָלטע שטאַכייטן,
אינמיטן פוןביימער און בלומיקע בייטן,
וואָס בלויען, גאָלדיקן, פלאַמען,
איז אַרוים —
דער מערדער פון מיין פאָלק,
פון מיין מאַמען.

כ׳וועל לאָזן וואַקסן מיין צער,
ווי שמשון אַמאָל זיינע האָר
און דרייען דעם מילשטיין פון טעג
אַרום יענער בלוטיקער שפור.

ביז אַמאָל, אין אַ נאַכט,
ווען כ׳וועל דערהערן איבער מיר
דעם מערדערס שיכורן לאַך,
וועל איך אַ ריס טון פון אַנגלען די טיר
און אַ שאָקל מיט דעם געביי —
ס׳זאָל געבן די נאַכט אַ דערוואַך
פון שוידער, וואָס וועט אַדורך יעדע שויב,

יעדן ציגל און נאָגל און ברעט פונעם הויז,
פון סאַמע גרונט ביזן דאַך —

באַטש כ׳וויים עס, וויים, מיין האַר,
אַז ס׳וועלן די פאַלנדע ווענט
באַגראָבן בלויז מיך
און מיין צער.

שטאָקהאָלם, 1947 20-IV.

עס איז מיין פנים שטרענג

עס איז מיין פנים שטרענג, ווען כ׳רעד אַליין צו זיך
אין יענער שטילסטער שעה פון שווייגן און פון סוד,
און ס׳מדברט אַרום מיינע הייסע, טרוק׳נע אויגן
די איינזאַמקייט, וואָס לעכצט נאָך ערשטער טרערן־גנאָד.

ווי גליקלעך זענען די, וואָס קענען דורך אַ טרער
זיך איינוואָרצלען אין טיפסטן, לעצטן גרונט פון ווייטיק,
און ווערן דורך דער טרער דער המשך פונעם צער,
און ווערן דורך דער טרער בראשיתדיק און צייטיק.

ס׳ווערט אַזוי הימלעך־פּראָסט דער שטח צווישן וויע,
ווי ס׳וואָלט די קינדהייט צוגעשווומען צו אַ ברעג,
און ס׳גלייכט זיך אוים די זאָרג אין פייכטן אויגן־נעפּל
מיט האַרטן שווייגן פון די קומענדיקע טעג.

דו וויינסט און וויסט פאַרוואָס, דו וויינסט און וויסט נאָך ווען,
און כאָטש ביסט נע־ונד, דורך יעדן וועג באַדראָט,
ווערט נאָך דיין הימלאָזער און אויסגעשפּרייטער שאָטן
אַ היים, וואָס טוליעט איין די איינזאַמקייט פון גאָט.

עס איז מיין פּנים שטרענג, די ליניע שאַרף און דין,
וואָס האָט אַרויסגעפירט דעם שמייכל אינעם גלות
אויף אייביק נע־ונד — נאָר ס׳טרויערן די ליפּן,
ווי צוויי אלמנות ביי דעם ראַנד פון שטילן בית־הקברות.

מאָסקווע, 1945.

אויפֿן ראַנד פֿון נאַכט

די דעמערונג בייגט אוים איר ווייכן, גראָען רוקן,
ווי אַ קאַץ, ווען ס׳לאַשטשעט זי אַ צערטלעך־מילדע האַנט,
איידער עס פֿירן צו די ערשטע, גרינע שטערן,
ווי אויגן וועלפֿישע די נאַכט צום הימלסראַנד.

אַ פֿויגל, אַ פֿאַרשפּעטיקטער איז ווי אַ טונקלער שפּרונג —
איך האָב זיין מידן פֿליגל־פּאַך אין שריט מיינעם פֿאַרמאַכט,
און ס׳יאָגט אונדזביידן נאָך דער זיגערישער שריי
פֿון אַלע ווילד־חיות ביים ראַנד פֿון שטילער נאַכט.

ס׳איז היימלאָז יעדער רוף נאָך רחמים און נאָך גנאָד
אין מיטן בלינדן וועג, אין מיטן חשכות שווערן —
עס פֿוסטעוועט די נעסט און ס׳טרויערט מיט דער בוים,
און ווי אַ טראָפּן בלוט פֿאַלט מיד אַ שטילער שטערן.

און היימלאָז איז אויך היינט די תּפֿילה, דאָס געבעט
פֿאַר אַלע די, וואָס זענען לאַנג שוין מער נישטאָ,
נאָר ס׳ציטערט נאָך מיט האָפֿנונג יעדעס מינדסטע וואָרט,
ווי אַוונטצייט די ראָסע דורכזיכטיק און בלאָ.

און הימלאָז זענען היינט אונטער די הימלען שווער,
אָפּענע פֿאַר ווינט, פֿאַר רעגן און פֿאַר שטורעם,
און נאַקעט קעגן האַס און שנאה און רציחה,
דאָרט אין דער ווייטער ערד די זעקס מיליאָנען קבֿרים.

און הימלאָז איז מיין טרוים אויף איינזאַם-שטילן וועג
צו קבֿרים און צו אַש — עס וועט שוין קיינער מער
אים צופירן צו יענער רגע, ווו איך האָב דערזען
צום ערשטן מאָל די שכינה אין מיין מאַמעס טרער.

אויך איך וועל היינט ביינאַכט זיין דאָרט, מיט אַלע די,
וואָס זענען מחוץ שוועל, מחוץ איעדער טרייסט,
און ווי אַ האַנט אין פינצטערניש כ׳וועל אויסשטרעקן מיין וואָרט
דורך פרעמדן צער פֿאַרשעמט, דורך אייג׳נעם לייד נישט דרייסט.

מאָסקווע, 1944.

כ׳האָב שוין פאַרגעסן

כ׳האָב שוין פאַרגעסן, ווי עס שרייט אַ פויגל פון שלאָף
און צעוויגט די לופט מיט זיין שריי, ווי אַ צווייג,
ווען ס׳פלעכט די לבנה זיין חלום אַרום
מיט דינטשיקע שטראַלן, ווי פרענטעס פון שטייג.

כ׳האָב שוין פאַרגעסן, ווי עס שוויגט אַ האַרץ אין דער נאַכט,
ווען ס׳גייט צו די שטערן דער דאָרפישער שליאַך,
און ס׳קערט זיך מיט אים די קינדהייט צוריק
צו דער שטוב אונטער געלן, שטרוי־באַדעקטן דאַך.

כ׳געדענק בלויז איין וועג, איין איינציקן וועג,
וואָס פירט קיין מאַידאַנעק מיט אַלע צוגלייך
אויף דעם הימל — און ס׳ווערן דערשטיקט זיינע שטערן
און פאַלן ווי קינדער געטויטע פון הייך.

מיין האַרץ איז איצט וואַך און ס׳שרייט אויף אין די נעכט,
ווי דער פויגל פון שלאָף ביים ראַנד פונעם שליאַך.
ס׳האָט עמיץ גערופן — ווער — כ׳ווייס נישט אַליין,
און געשטעלט מיין האַרץ ביים אַש אויף דער וואַך.

שטאָקהאָלם, 1946 26-x.

אַז כ'האָב נישט

אַז כ'האָב נישט צו וועמען צו בענקען,
כ'האָב אפילו נישט וועמען מקנא צו זיין,
נישט מיט גליק, נישט מיט ליבשאַפט, מיט טרויער,
אַז כ'בין שוין אינגאַנצן אַליין.

נאָר מיין טיש אַ „גוט אָרט" איז מיר איצטער,
איך מעסט אים, ווי ס'הייליקע פעלד,
און ריים איין די ווערטער, ווי קברים
פאַר אַ נייער, בעסערער וועלט.

אפשר וועל איך הבלען דערוועקן
און קינען געבן זיין אָרט —
און אַליין וועל איך גיין איבער וועגן
מיטן פרעמדן צייכן פון מאָרד.

12-II 1947.

אַז אַלע גלות־וועגן

אַז אַלע גלות-וועגן שניידן דורך מיין הארץ,
און ס׳איז מיין היים, מיין איינציקע, דער מאַמעס לעצטע טרער —
צו וועלכע הימלען טרויערט איצט מיין נע-ונדער שריט,
ווער שליסט עס צו פאַר מיר די טיר מיט ריגלען האַרט און שווער?

צו וועמען טראָג איך נאָך מיין וואָרט, מיין אָרעם-לעצטע גאָב,
אין וועמענס אויגן ברעכט זיך איצט מיין שאָטן שטיל און מיד?
כ׳בין שולדיק, שולדיק טויזנט מאָל, וואָס איך געשפּענסטער נאָך
און היט דעם חלום פון דער וועלט מיט מיין פאַראיינזאַמט ליד.

12-II 1947.

מען זאָל קענען וויינען

מען זאָל קענען וויינען, מוז מען האָבן אַ שטוב,
היימלאָזע וויינען נישט מער —
נאָר, ווען ס'טרעפן זיך ווענט מיט אַ דאַך אינעם חלום,
קומט אויך צו גאַסט די טרער.

מען זאָל קענען געפינען דעם וועג צו גאָט,
מוז מען האָבן פון וואַנען צו גיין —
און ווער קען דען די תפילה פון אַ היימלאָזן גאַנג
באַנעמען און פאַרשטיין?

און דאָס היימלאָזע וואָרט זוכט דעם ברעג פון אַ ליפּ
אפיר פון טיפסטן סוד —
ווען ס'גייט אויף אין אַ ליד, אין דער שטילסטער מינוט
איז עס איינזאַמער נאָך פון גאָט.

גיי איך נאָך יעדן וואָרט, יעדן היימלאָזן מענטש
אַזוי היימלאָז און שטיל, ווי ער —
און ס'באַגלייט אונדז אין וועג די טרוימלאָזע נאַכט
און מיין מאַמעס לעצטע טרער.

לאָדזש, 9-V 1946.

די סאָווע

די סאָווע, וואָס האָט מײַן קינדהייט געשראָקן,
האָט מער דאָן געוווסט פון מיר —
פאַרוואָס האָב איך פאַרמאַכט אין די נעכט
פאַר איר געשריי די טיר?

די שוואַלב, וואָס האָט אין איר שנאָבל געטראָגן
די וועסנע, דעם חלום, דאָס גליק,
האָט שוין דעמאָלט פאַרראָטן צו מאַידאַנעק און בעלזשעץ
מײַן יוגנט, מײַן היים און מײַן וויג.

עס וואָלט מיך מײַן מאַמע שוין מער נישט געזוכט
ביי פויגלשע נעסטן, ביי בלומען אין פעלד,
ווו ס׳האָט זיך מײַן קינדהייט פאַרוואָרצלט מיט ערד,
ווי דער טרוים מיטן הארץ פון דער וועלט.

כ׳וואָלט געזעסן ביים ראַנד פונעם וואַלד און געהאָרכט,
ווי ס׳רייסט אויף די נאַכט דער סאָוועס געוויין,
און דערזען אין איר געלן, גרוים-גלאָזיקן אויג
פון קומענדע שרפות די שיין.

כ׳וואָלט אפשר געוואָרן אַ סאָווע אַליין
און געשריגן ווילד דורך די נעכט,
אַז ס׳זאָל מיך פאַרשטיין די חיה, דער מענטש,
דער שטיין און דאָס ביימער־געפלעכט.

כ׳וואָלט דעם פרילינג פאַריאָגט און דעם זומער פאַרטריבן,
דעם חשוון באַרויבט פון זיין גאָלד,
איז אפשר וואָלט דעמאָלט מיין וואָרנונג באַנומען
מיין מאַמע, מיין ברודער, מיין פאָלק.

.13-II 1947

ווען כ'וואָלט געהאַט

ווען כ'וואָלט געהאַט אַ שטוב, אַן אייגענע,
וואָלט איך אַיעדע נאַכט די טיר געלאָזן אָפן
פאַר אַלע די, מחוץ אַיעדער טרייסט,
פאַר אַלע די, מחוץ אַיעדן האָפן.

פאַר בוזשלען עלנטע, וואָס שלעפן נאָך ביי דר'ערד
אין שפּעטן חשוון די צעבראַכ'נע פליגל
און פּיקן זייערע אייג'נע אויגן אויס
פון דעם געפרויר'נעם, גלאַטן וואַסער-שפּיגל.

פאַר ווערטער נע-ונדע און פאַר שטומע תפילות,
פאַר בלינדע וועגן און פאַר קראַנקע שטערן,
פאַר יעדן קינד, וואָס שעפּטשעט צו זיין קישן „מאַמע"
אַזוי, אַז קיינער, קיינער זאָל נישט הערן.

און פאַר דער מעשה גילדענער און פרומער,
מיט וועלכער ס'האָט מיין פאָלק זיך אויסגעווישט די טרערן,
און זי געלאָזט אויף פאַווע-פליגלען וויגן
דעם הימל און דעם גורל צווישן בלאַסע שטערן,

איידער ס'האָט אויסגעגעבן זי פון טיפן בונקער
און פאַרקויפט צו הענקערס פון טרעמבלינקע
דער שכן, דער איוואַן, דער שיכור
פאַר דרייסיק פאַפּיראָסן און אַ קילע צוקער.

איז אפשר בלאָנקעט זי נאָך איצט אַרום,
אויף דער האַנט דעם אויסגעבערענטן נומער,
די בלאָ-פיאָלעטע אוישוויץ-בראַנזאָלעט
און שרעקט די טעג פון פרילינג און פון זומער.

ווען כ'וואָלט געהאַט אַ שטוב, אַן אייגענע,
וואָלט איך איעדע נאַכט די טיר געלאָזן אָפן
פאַר אַלע די, וואָס זענען מחוץ טרייסט,
פאַר אַלע די מחוץ איעדן האָפן.

און אפשר אויך אַמאָל,
אַז איך וועל זיין אַליין,
וועט טרעפן צו מיין טיר
דאָס היימלאָזע געוויין.

שטאָקהאָלם, 1947.

איך בין שוין אַזוי אָרעם

איך בין שוין אַזוי אָרעם, אַז דער שפּאַן פון ערד,
וואָס אונטער מיינע פיס — איז אויך נישט מיין.
ס'היכלט דאָ נישט מיין שוועל, עס שטייט דאָ נישט מיין שטוב,
מיין קינדהייט קומט מיר נישט אַנטקעגן אין פאַרנאַכט
פון בוים, געוויקס און שטיין.

און בין דאָך אַזוי רייך, אַזוי אומענדלעך רייך,
ווי ס'קען נאָר זיין אַ מענטש, וואָס האָט שוין א ל ץ פאַרשענקט
אַ פרעמדער, שטילער טרער —
זיך אויסגעטון אַליין פון בענקשאַפט און באַגער
ווי פון אַ מלבוש, וואָס איז אים געוואָרן שמאָל און ענג.

און כ'טרייב אַוועק פון מיר מיין שאָטן, ווי אַ הונט,
זאָל ער היטן גיין דאָס פרעמדע האָב און גוטס —
ס'איז נאַקעט אויך מיין זעל, וויל בלייבן שוין אַזאַ
אָן שאָטנס יעדער רחמימדיקער שוץ,
אין שעה פון נייעם, אייגענעם באַשאַף,
ווען ס'שפּאַלט זיך אויף איר בלויז די בייטש פון שאַרפן בליץ.

שטאָקהאָלם, מאַי 1947.

אַ קינד האָט געוויינט

אַ קינד האָט געוויינט ביים ראַנד פונעם וואַלד,
אַליין אין דער טונקעלער נאַכט —
זענען פיקסן און וועלף אַנטשוויגן געוואָרן
און ס'איינזאַמע וויינען באַוואַכט.

צי האָט מען די מאַמען פאַרשלעפּט ביי די האָר
קיין אוישוויץ — צי אפשר אין הארצן אַ קויל
האָט איר גוף מיט זיין לעצטער וואַרעמקייט געפּרווּווט
צעלאָזן דעם שנייַ אַרום קינדישן מויל?

צי אפשר אין לעצטן פאַרטרויען אויף גנאָד
און מענטשלעכן רחמים, האָט דאָס קינד זי געבראַכט,
זאָל זיך עמיץ דערבאַרמען אויפן יידישן קינד —
עס וועלן זיין עדות בלויז שטערן און נאַכט.

ס'זענען פיקסן און וועלף אַנטשוויגן געוואָרן,
און דאָס ווילדשוויין מיט בייזן, אומרואיקן מרוק
האָט וואָס גיכער געפירט אין טיפערן קוסט
זיינע יונגע און שרעקיק געקוקט אויף צוריק.

ס'האָט אַ מענטש אויך דערהערט דעם פֿאַרגייענדן שלוכץ,
און זיין מעסער געשאַרפֿט, געלאָדן די ביקס,
און אַרויס אויף דער יאַגד אין דער טונקעלער נאַכט
נישט אויף וואָלף, נישט אויף בער, נישט אויף פּיקס.

געצילט האָט זיין שריט צום ראַנד פֿונעם וואַלד,
דאָס בריקל פֿאַרביי, די סאָסנע, דעם שטיין —
אויף דער שאַרף פֿון זיין גלאַנציק־געשליפֿענעם מעסער
האָט געבלוטיקט דעם קינדס געוויין.

1947.

נאָנטעס, וואָס האָבן געראַטעוועט
יידישע קינדער

זיי, גאָטס אייביקע כלות
און עקרות פון הייליקן גייסט,
וואָס נידערט קיינמאָל נישט אַראָפּ צו זיי
מיט מאַריאַס צער און מיט מאַריאַס טרייסט —

זיי קענען בלויז מאַריאַס שטילן טרויער
פון די באַמאָלטע, הויכע קירכן־ווענט,
און ווי אין גרויסער טרוקעניש די ערד
דאַרט איין דער מוטער־טרוים אויף זייערע בלאַסע הענט.

ס'קען זיין, אַז טיילמאָל אין אַ זומערדיקער נאַכט
דורך שטרענגן פאַסטן נישט פאַרצוימט, דורך תפילות ניט באַוואַכט,
האָט אָנגעקלאַפּט דער חלום מיט אַ קינדערישער האַנט
אין זייער פאַרשלאָסענער טראַכט.

אָבער דער מאָרגן האָט שוין אויסגעקניט די „זינד"
אויף קאַלטע פּאָדלאָגעס פון ציגל און פון שטיינער,

און ס'האָט פאַרווישט נאָך איר די דינסטע שפור
דאָס העמד, דאָס האָרענע אין ראַנגלעניש געהיימער.

נאָר אין אַ שעה, ווען ס'גייט אַראָפּ אַ מלאך אויף דער ערד
און רחמים קלאַפּט אין אַלע שטילע טויערן,
האָט זייער האַרץ זיך אויפגעשלאָסן
און — אַ נייעם גאָט געבוירן.

און זייערע ברייטע, לאַנגע, שוואַרצע קליידער,
ווי טונקלער וואַסער־פאַל אין ווינט,
לעשן דעם בראַנד פון די טרעמבלינקעס
אַרום דעם קליינעם קעפּל פון אַ יידישן קינד.

דער ערשטער שמייכל פון אַ יתום ברענגט אַראָפּ
דעם הימל צווישן זייערע שווערע, גראָע ווענט,
און ס'קערט זיך אום פאַרשעמטע מוטערשאַפט
דורך אויסגעדאַרט, פרעמדע קינדער־הענט.

און ווען זיי לאָזן זיך אַראָפּ צום קניען אויף דער ערד,
און ס'גייען ווערטער באָרוועסע אַנטקעגן רויך און פלאַמען,
דאַן לויכט אין תפילות זייערע אַריין
די לעצטע טרער פון אַ יידישער מאַמען.

שטאָקהאָלם, 1947 17-V.

שפּעט־האַרבסט

דער נעפּל איבער מיר איז ווי אַ גראָער טרוים,
און היימלאָז זענען היינט געוואָרן אַלע שטערן —
אַריינגעפרוירן אין דעם ערשטן, האַרטן, בלאָעם פראָסט
עס הענגען אויף די ביימער זייערע שטילע טרערן.

דאָס שמאָלע טייכל מאַרשטשעט זיך אין אַנענדיקער שרעק
און גייט אַרונטער אונטער אייז מיט אַלע גרינע גרעזער,
אַלס לעצטער שיפט זיך נאָך צום צווייטן ברעג אַריבער
דער שאָטן פון דער איינזאַמער, פאַרלאָזענער בערעזע.

עס פורעמט אויס דער פראָסט אין ערד, ווי אויסגעהאַקט אין שטיין
די שפורן פון אַ באָרוועס קינד, וואָס איז דאָ היינט פאָרביי —
זיי וועלן בלייבן שוין אַזוי אַ גאַנצן ווינטער שטאַר,
אַ נעסט פאַר שטערן פאַלנדע, אַ נעסט פאַר ווייסן שניי.

אויף מיינע שיך

אויף מיינע שיך פון באַשקיריען דאָס ליים,
פון קאַראַקום־מדבר דער גלי־הייסער זאַמד,
די בלאָטע פון רוסישע דערפער און שטעט
און דער העל־גראָער שטויב פון אוזבעקישן לאַנד.

דאָס פאַרטרוקנטע בלוט פון די פוילישע וועגן,
דער שטויב און דאָס אַש פון פאַרברענטן געביין,
און ס׳פאַרשטעלט זיך זיין פנים דער מלאך, וואָס פירט
מיך פון גרעניץ צו גרעניץ צום ברעג פון געוויין.

און כ׳ווייס נאָך נישט אַלץ, ווו כ׳וועל נעכטיקן היינט
און ווו ס׳וועט זיין מאָרגן מיין היים,
ווו וועל איך באַקלעבן אויף וויי‍טערן וואַנדער
מיינע שיך מיט בלוט, מיט זאַמד און מיט ליים.

כ׳האָב געזען דאָ נישט לאַנג די שטוב פון מיין מאַמען,
די ביימער אין סאַד מיט די וואָרצלען אַרויף —
עס האָט זיי צעזעגט אַ רוסישער זעלנער
אויף האָלץ אין דעם שטילן פאַריתומטן הויף.

כ׳האָב געזען אויך די קאַץ מיט פאַרווילדערטע אויגן,
וואָס זוכט דאָרט נאָך אַלץ פון מיין מאַמען די טריט —
זענען מיר דאַן געשטאַנען איינע קעגן דער צווייטער,
ביז ס׳האָט זי דער זעלנער פאַריאָגט מיט אַ רוט.

כ׳האָב געזען זי נאָך לאַנג אויפן שפּיץ פונעם דאַך,
ס׳האָט ווייטע דערמאנונג געגליט אין איר בליק,
און ס׳האָט זיך איר רוקן געבויגן אַרויף,
ווי איבער אַן אָפּגרונט צום הימל די בריק.

אויף מיינע שיך פון באַשקיריען דאָס ליים,
פון קאַראַקום־מדבר דער גלי־הייסער זאַמד,
די בלאָטע פון רוסישע דערפער און שטעט
און דער העל־גראָער שטויב פון אוזבעקישן לאַנד.

דאָס פאַרטרוקנטע בלוט פון די פּוילישע וועגן
דער שטויב און דאָס אַש פון פאַרברענטן געביין,
און ס׳זענען די וועגן, ווי שטומע זיווגים
צו טריט מיינע מידע אין צייט פון פאַרגיין.

ס׳איז מער קיינער נישטאָ דאָס געלייט מיר צו געבן,
ס׳וועט קיינער נישט זאָגן: „מיין קינד, קום אַריין״ —
כ׳בין דאָך פרעמד אומעטום און מיין איינציקע היים
איז מיין מאַמעס לעצטע געוויין.

.1946

מיין האַר

מיין האַר, ביסט אפשר היינט געוואָרן אַזוי נע־ונד, ווי איך,
ווייל ס'האָט אַ מענטשלעך האַרץ זיך אָפּגעזאָגט פון דיר,
און גייסט, ווי איך דער איינזאַמקייט אַנטקעגן
פון גרעניץ ביז צו גרעניץ און פון טיר צו טיר?

אויף וועמען לאָזן מיר חלומות אונדזערע, מיין האַר,
ס'זאָל זיי דאָס נאָענטסטע פייער נישט פאַרצערן?
עס סדומט שוין אומעטום און ס'קען אַ מבול קומען
בלויז דורך דעם נס, דעם נס פון אונדזערע אייגענע טרערן.

עס סדומט שוין אומעטום, עס גייט אויף נאַכט און דעמער —
אָ, פרעג מיך נישט, מיין האַר, וווהין עס פירט דער וועג,
קען זיין, ס'וועט אונדז נאָך היינט באַגעגענען אַ וואָרט,
אַ מענטשלעך וואָרט, און ווערן דאַך און שוועל און ברעג.

שטאָקהאָלם, 1947.

האַרבסט

ס׳גייען שוין די פעלדזן מיט די שאָטנס נאָך
יעדן געלן בלאַט, וואָס פאַלט אויף האַרטן שטיין —
רויטער ווערט דער ווילד־וויין, בלאַסער ווערט דאָס גראָז,
צייטיקער די לופט פאַר קומענדן געוויין.

מיט אַ טונקלעם עירוב שליסט דעם הימל אָפּ
לאַנגע שנור פון ווילדגעענדז קעגן זונפאַרגאַנג —
גראָער ווערט דער וועג, מידער ווערט מיין בליק,
שטילער און פאַרטראַכטער אין דער פרעמד מיין גאַנג.

גאָט, מיין גאָט, וואָס האָסט זיך אָנפאַרטרויט מיין וואָרט,
ווי די זריעה פייכטער, חשוונדיקער ערד —
ס׳האָט איר האַרץ געעפנט אונדז די זעלבע שעה
און ס׳איז אונדז דער זעלבער שווערער וועג באַשערט.

ס׳איז שוין ערב נאַכט און ס׳איז אינמיטן טרויער,
ווער זשע וועט אונדז קומען אין דער פרעמד אַנטקעגן?
אפשר בלויז אַ שטערן, ווי אַ טרער, אַ שטילע
פאַלן וועט און לייכטן אויף די גראָע וועגן.

שטאָקהאָלם, סעפטעמבער 1947.

פאַרצייכעניש פון פרעמדע ווערטער

אָ ב ר אָ ז ש ע ס — האָלדז-קייטן פאַר הינט.

ק אָ ר אָ מ ע ס ל ע ס — אַ האָלץ-געשטעל, וואָס מען טוט אָן אויפן נאַקן צום וואַסערטראָגן.

ש ל י אַ ב אַ נ ע ס — פאַרצווימונגען ביי פּריוואַטע וועגן, אָדער מלוכה־שע שטראָזן, ביי וועלכע עס פלעג אין אַמאָליקע צייטן שטיין אַ שומר און נעמען פון יעדער פור אַן אָפּצאָל.

ק אָ נ ק אָ ל — ריגזלעכע, טונקל-געאָדערטע בלום, וואָס וואַקסט צווישן ווייץ און קאָרן.

פ אַ ז ו כ ע — בוזעם.

מ אַ ג ל אָ וו נ י צ ע — פּרימיטיוו צווייטייליק האָלץ-געשטעל צום אויס־גלעטן וועש.

א ו ג ע ר — אומפּרוכטבאַר, נישט באַאַרבעט פעלד.

כ י ע ט ש ק ע — דין געשניטן שטרוי צום פיטערן ווינטערצייט דאָס פי.

ס ט אָ ד אַ ל ע — תבואה-שייער.

ש ל י אַ ד ע ס — שפּורן.

פ אַ ר אָ ב ע ק — צווייערליי באַדייטונג: 1) פערד-קנעכט, 2) אַ יונגער דאָרפס־בחור.

ק נ י פּ י ק ל — אַ צונויפגעלייגט מעסערל אין אַ האָלצשייד.

ב י ה מ ע — כ'לעבן.

א ו ל י ט ש ק ע ס — דאָרפישע שמאָלע הינטערגעסלעך צווישן סעדער.

פ ר יי ס ן — מזרח-דייטשלאַנד, וווהין עס פלעגן פאָרן זומער־צייט אויף פעלד־אַרבעט די ערדלאָזע פּויערים פון גאַליציע.

ג ר אַ ב ל י ע ס — הילצערנע היי־גאָפּלען.

ב אַ ב ק ע — הייבאַם.

ז אַ ג אַ ט ע ס — שוץ פון שטרוי אָדער טרוקענע בלעטער ווינטער-צייט אַרום די דאָרפישע שטיבלעך.

וו י ד מ י נ ע ס — פאַרזעענישן, פאַרביטענע קינדער.

באָה זאַפּלאַטי זאַ בידנו סיראָטו — גאָט זאָל אייך באַצאָלן פֿאַרן אָרעמען יתום.

פּשעדנאָוועק — ערב שניט.

כּודאָביצע — ס׳בהמות.

כּרויסט — דינע צווייגן־רוטלעך.

וויקע — אַ מין גראָז צום פיטערן ס׳בהמות. אין אַ הונגער־צייט ווערן די קליינע אַרבעס־ענלעכע שויטן געטרוקנט, צעמאָלן און אויסגעמישט מיט מעל.

פּיסאַנקעס — באַמאָלטע אייער צום קריסטלעכן פּסח.

קוטשעראַווע — געקרויזט.

פּיקלהויבן — מעטאַלענע מיליטער העלמען מיט אַ שפּיץ אינמיטן.

קעראַט — אַ ראָד באַפעסטיקט אין דער ערד, דורך אַ לעדערנעם רימען פאַרבונדן מיט דער דרעש־מאַשין. צום ראָד ווערן צוגעשפּאַנט פערד, וואָס דרייען זיך אַרום אים אין אַ קרייז.

מאַנדעלן — סטייגלעך מיט צונויפגעלייגטע צום טרוקענען תבואה־גאַרבן.

שטשאַווניצע — קוראָרט פאַר לונגענקראַנקע אין די טאַטרען.

זשענטיצע — שאָפענע מילך.

קיביטקעס — אוזבעקישע פּלאַך־דאַכיקע ליים־שטיבלעך.

אַריקעס — ראָוועס פאַר קינסטלעכער באַוואַסערונג אין דער מדבר.

יורטעס — געצעלטן פון נאָמאַדישע סטעפּן־פעלקער.

אוריוק — אַן אַרט פערשקע.

פּאַראַנדזשאַ — אַ שלייער געפלאָכטן פון פערד־האָר, מיט וועלכן עס פאַרשטעלן זייערע פּנימער די אוזבעקישע פרויען.

אַרבע — צוויי רעדערדיקער וואָגן.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן ־ נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
יהושע פּערלע: יידן פון א גאנץ יאָר
עוזר ווארשאווסקי: שמוגלארס
ר. שושנה־קאהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
מנשה אונגער: פּשיסכע און קאצק
ד״ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פארביי...
לייב ראָכמאַן: מענטשן אין קברים
מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע.

עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אקרוטני: אין קלעם
רחל אויערבאך: מאַטעריאַלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: ארישע פּאַפּירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פּוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאָוויע
נח גריס: קינדער אינעם קאַמף (דאָקומענטן)
מ. קאָסטרינסקי: פּינסק
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
ד״ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
ל. שפּיזמאַן: די חלוצישע באַוועגונג אין פּויקן
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
קאַדיע מאלאַדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער

דאָס פּוילישע יידנטום

נח גרים שרייבט וועגן דעם בוך פון יאָנאַס טורקאָוו „חורבן וואַרשע" („נייע וועלט", תל-אביב, 10טער יוני 1948):

מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט זענען מיר געווינט געווען צו הערן יאָנאַס טורקאָוון... שבעל-פּה. פון דער בינע האָט צו אונדז גערעדט דער אינטעליגענטער אַרטיסט וואָס האָט פאַרשטאַנען זיין שליחות נישט בלויז צו פאַרווילן, נאָר צו לערנען דאָס פאָלק, דערהייבן עס. ער מיט זיין פרוי דיאַנאַ בלומענפעלד האָבן באַרייכערט דאָס יידישע טעאַטער מיט די בעסטע און אַקטועלסטע פּיעסעס פון פרעמדן רעפּערטואַר און אַזוי אַרום דערצויגן אַ גוטן, אינטעליגענטן טעאַטער-עולם און געשאַנקען אים שעהען פון פרייד און דערהויבונג.

עס איז געקומען אַ צייט, ווען די פינצטערע כוחות האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אונדזער פאָלק און אין דער גרעסטער יידישער קהילה פון אייראָפּע איינגעשלאָסן און פאַרניכטעט איבער אַ האַלבן מיליאָן מענטשן.

צווישן די על פּי נס לעבנגעבליבענע מענטשן געפינט זיך יאָנאַס טורקאָוו. ער, וואָס האָט אַ געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג צום טעאַטער, האָט דעם צוגאַנג אַרויסגעוויזן אין פּראַקטישן לעבן פון געטאָ און דורך פאַרעפנטלעכן זיינע זכרונות אַן איבעריק מאָל באַוויזן, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט זיין אויפגאַבע און פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי דעם פאָלק.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו לייענען אַ סך ביכער איבער דער דאָזיקער טעמע: רעפּאָרטאַזשן, מעמואַרן, אָפּהאַנדלונגען, וויסנשאַפטלעכע אאַ"וו. אָבער טורקאָווס בוך, וואָס איז „פּאַר עקסעלאַנס" אַ מעמואַרן-בוך, פאַרמאָגט אַלע מעלות פון די אויסגערעכנטע מינים ביכער. דאָ געפינען מיר זיינע און זיין משפּחהס איבערלעבונגען, באַשריבן כמעט טאָג פאַר טאָג, דעם קאַמף פאַרן לעבן און געראַנגל מיטן טויט. מיט אַ סך וואַרעמקייט דערמאָנט ער זיין פאָטער, וואָס האָט געהאַט דאָס „גליק" צו שטאַרבן און האָבן אַ לוויה, זיינע שוועסטער, וואָס זענען פרייוויליק אַוועק אויף „מזרח", דעם יונגן און באַגאַבטן יעזשי בלומענפעלד און אַלע אַנדערע נאָענטע און פריינט, פאַר וועלכע ער געפינט אַ לאַפּידאַרע כאַראַקטעריסטיק, אַ גוט

וואָרט, און אַ סך האַרץ. אָבער טור-
קאָוו באַגרענעצט זיך ניִשט מיט זיי־
נע פּריוואַטע, פּערזענלעכע איבער-
לעבונגען. זיין געזעלשאַפטלעכער
חוש, זיין ברויזנדיקער טעמפּעראַ-
מענט, זיין ליבשאַפט צו די גערודפ-
טע און געטריישאַפט צום פּאָלק האָ־
בן אים באַוויגן צו באַשרייבן אויך
די סביבה, די סאָציאַלע און געזעל-
שאַפטלעכע באַדינגונגען אין געטאָ.

און גראָד אין די טיילן פון בוך
ווייזט דער מחבר אַרויס אַן אויסער-
געוועגלעכע בקיאות. ער באַרירט און
גיט אַ באַלויכטונג פון דער שעדלע־
כער ראָל פון אַ „יודנראַט" און זיין
קאַמף מיט דער געזעלשאַפטלעכער
„אַליינהילף", וועלכע האָט גענאָסן
פון צוטרוי פון דער באַפעלקערונג.
ער האָט געהאַט גענוג מוט צו זאָגן אָפן און
צו פאַראורטיילן נעגאַטיווע דערשיי־
נונגען און האַנדלונגען פון פּערזאָ־
נען, וואָס אַ טייל פון זיי זענען גע-
בליבן ביים לעבן. אויב איך האָב
ניִשט קיין טעות, איז איינער פון די
טיפּן, דער זשורנאַליסט נאָוואָגרודז־
קי, וואָס איז נאָך היינט טעטיק און
שרייבט זכרונות. ער איז אָבער גע-
נוג אָביעקטיוו צו שילדערן פּאָזיטיווע
טיפּן אַפילו פון „יודנראַט". ער גיט
אַ גוטן פּאָרטרעט פון טשערניאַקאָוו,
וועלכער איז אויך פּסיכאָלאָגיש פאַר-
טיפט און ווייזט, ווי אַזוי דער
פּ ע ר ז ע נ ל ע ך אנשטענדיקער
מענטש איז ג ע ז ע ל ש אַ פ ט-
ל ע ך געוואָרן שעדלעך, אַדאַנק זיין
שוואַכן כאַראַקטער און ניִשט קאָנען
זיך באַפרייען פון די שעדלעכע עלע־
מענטן, וואָס האָבן אים אַרומגע-
רינגלט.

מיר געפינען אין בוך אָבסערוואַ-
ציעס, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש
פאַר דער תקופה. מיר דערוויסן זיך,
למשל, אַז אין דער ערשטער פאַזע
פון געטאָ האָט זיך געשאַפן אַ נייע
פרנסה פאַר אָרעמעלייט: זיי זענען
געגאַנגען אַרבעטן, אָנשטאָט די רייַ־
כע, באַקומענדיק דערפאַר באַצאָלט,
און זענען די ערשטע אומגעקומען.

אַ סך אָרט גיט אָפּ טורקאָוו דעם
קולטור־לעבן אין געטאָ: טעאַטער,
רעפעראַטן, ליטעראַרישע קאָנקורסן.
אגב דערוויסן מיר זיך, אַז אויך דער
מחבר האָט באַקומען אַ ליטעראַרישע
פּרעמיע.

גאָר בייסיקע באַמערקונגען לאָזט
טורקאָוו הערן בנוגע דעם געסטאַפּאָ־
אַגענט ד"ר אַ ל פ ר ע ד נ אָ ס י ג,
וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן „קול-

טור״־רעסאָרט, אַן אָפּטיילונג, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו... שפּיאָנירן.

מיט גרויס טאַלאַנט זענען אָנגעצייכנט די געשטאַלטן פון יאָסל קאַפּאָטע (ערליך), דעם דייטשן פּאַרטרויאונגס-מאַן, פון ערלעכן און פּאַנאַטיש מסירת־נפשדיקן נחום רעמבאַ, פון אברהם געפּנער און פיל, פיל אַנדערע. מ׳דאַרף ממש באַוואונדערן דעם זכרון, אַפילו ווען אַ סך פון די מאָמענטן זענען באַצייטנס נאָטירט געוואָרן און ערשט נאָך דער באַפרייאונג אויסגעגראָבן געוואָרן פון באַהעלטעניש.

דער זאַמלער-גייסט, וואָס האָט געפונען אַזאַ דערהויבענעם אויסדרוק אין דער אַרבעט פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום האָט, ווייזט אויס, אָנגעשטעקט אויך טורקאָוון צו פירן די גאַנצע צייט אַ טאָגבוך, צו זאַמלען בילדער, ידיעות אא״וו, וואָס גייען אַריין אין איצטיקן בוך.

טורקאָוו, דער אַרטיסט, האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פאַכמענישקייט פון אַ היסטאָריקער אין צוגרייטונג און באַאַרבעטונג פון מאַטעריאַל. ספּעציעל גיט צו וואָג דעם בוך דער אינדעקס פון קרוב טויזנט נעמען, וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך, און נישט נאָר דערמאָנט. הן פון היסטאָרישן, הן פון פּערזענלעכן אינטערעס פון אַ סך קרובים איז דאָס גאָר וויכטיק.

נישט ווייניקער וויכטיק, ווי די פאַקטן גופא, זענען די רעפלעקסיעס, באַטראַכטונגען, לירישע אויסגוסן פון מחבר, ווייל זיי שטאַמען פון אַ מענטשן, וואָס האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט, געזען מיט אָפענע אויגן, געפילט מיט אַן עמפינדלעך האַרץ.

נאָך אַ שילדערונג, ווי אַזוי אַ דריייאָריק מיידעלע וויגט איר יינגער ברודערל אינמיטן געטאָ אויף אַ פראָסט און שניי און די דייטשן שיסן אויף יעדן, וואָס וויל צוגיין און צונעמען די קינדער זאָגט טורקאָוו, אַז ער וועט דאָס בילד קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און מיר גלייבן אים: מיר טאָרן עס נישט פאַרגעסן. עס איז נישט דאָס איינציקע בילדל, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן.

צי לאָזט זיך פאַרגעסן די דערציילונג וועגן די צוגרייטונגען צום קאַמף, ווען מען טראָגט געווער אויף אַ טרעפפּונקט און מ׳טרעפט נישט די מענטשן, פאַר וועלכע עס איז באַשטימט?

ווען ס׳וואָלט נישט געווען קיין פּאַראַדאָקס, וואָלט איך געזאָגט, אַז טורקאָוו האָט אָנגעשריבן אָ ב י ע ק ט י וו ע זכרונות, געשריבן מיט טאַלאַנט, מיט קאָפּ, מיט געפיל. עס איז אַ בוך פון גרויסן דאָקומענטאַרן באַטייט, אַרויסגעגעבן מיט אַ באַזונדערער פּיעטעט, וואָס מערקט זיך אין אַלע דעטאַלן, פון דער הילע ביזן רעגיסטער, פון פּאַפּיר ביזן געניעם צופּאַסן די פיל צענדליק בילדער צום טעקסט.

טורקאָוו האָט אונדז געגעבן אויף אַ ברייטער לייוונט דאָס בילד פון געטאָ ביזן אויפשטאַנד. נישט ווייניקער באַלערנדיק וועט זיין צו לייענען דעם המשך — אויף דער אַרישער זייט.

פּרץ גראַנאַטשטיין שרייבט וועגן צפֿורה קאַצענעלסאָן-נאַבומאָוס בוך „יצחק קאַצענעלסאָן — זיין לעבן און שאַפן" („די נייע צייט", בוענאָס איירעס, 20טער אויגוסט 1948):

פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן נאָך וועמען ס'זענען נישט געבליבן קיין מצבות, קיין קדיש־זאָגער, נייערט קופּעס אַש, וואָס דער ווינט צעטראָגט אין חלל, האָבן בלויז יחידי סגולה, די אומשטערבלעכע, זכיה צו ווערן דערמאַנט אין דער יידישער וועלט. צווישן די אויסדערוויילטע „קדושים עליטע" פון רביים, דיכטער און וויסנשאַפטלער, פאַרנעמט יצחק קאַצענעלסאָן אויף אונדזער אייביקן אומענדלעכן ערדלאָזן „בית עולם אין דער לופטן" דעם סאַמען חשובן אויבן-אָן, דעם „אוהל" וווּ עס ברענט דער נישט-אָנגעצונדענער נר תמיד פון דעם אויסגעהרגעטן פאָלק...

יצחק האָט אַ דאָפּלטע זכיה! ער האָט נישט נאָר איבערגעלאָזט אומשטערבלעכע ספרים, וועלכע דאָס יידישע פאָלק וועט לייענען און אים געדענקען, ער האָט אויך איבערגעלאָזט אַ שוועסטער וואָס האָט אים געשטעלט אַ „מצבה" נישט פון שטיין און ציגל, נייערט פון יידישע חנפולע זוייַנענדיקע אותיות, מיט בלוטדורכגעווייקטע שורות פון אַ יידישער טאָכטער, וואָס האָט דאָס פיינפול דערהויבן גליק, צו זיין יצחקס שוועסטער, און טראָגן אויף איר וואַנדער אין די זיד-אַמעריקאַנער לענדער, אין איר געמיט און איר זכרון, די סביבה, דעם שטאַם, דעם גייסטיקן שפּרודלדיקן לויטערן קוואַל, ווו יצחק האָט געשעפּט מיט פולע עמערס, און וווּ ס'האָט זיך פאָרמירט זיין דיכטעריש פילפאַרביקע פערזענלעכקייט.

אין דעם פאַרברענגטן נישט וויטן עבר, אין דעם נאָענטן גאָלדענעם אַמאָל; אין אונדזערע פאַרשווונדענע יידישע שטעטלעך, בעת מיר זענען אַרוים פון די ישיבות און בית המדרש; שטייענדיק על פּרשת דרכים, זוכנדיק דעם אומבאַקאַנטן נייעם „לאן?"; ווען מיר האָבן נאָך נישט באַנומען דעם טומל און רעש פון „שטורעם און דראַנג", און נאָך נישט געקענט שטאַרק פאַרדייען די האַרטע וואָכעדיקע קעמפערישע לידער פון אַרבעט און נויט, דאַן האָט אונדזער „באַלעבאַטישער", „קליינבירגערלעכער" דור זיך געקוויקט אין די אידילישע שטעטלעך, צווישן די מעלאַנכאָלישע געסלעך און די שבת־דיקע בין השמשותן מיט יצחק קאַצענעלסאָנס לידער. ס'האָבן טויזנטער יידישע זין און טעכטער געברומט פאַרדבקעט ווי שטילע תפילות, אויסגעזונגען אין פאַרנאַכטיקע דעמערונגען, דאָס ליד פון אינטעליגענטישע נאָגנדע יוגנטלעכע ספיקות:

„די זון פאַרגייט אין פלאַמען,
די זון מען זעט זי קוים,
אַזוי פאַרגייט מיין האָפנונג,
אַזוי פאַרגייט מיין טרוים."

מיר האָבן נישט געוווסט און קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין פון וואַנען האָט זיך אַריינגעהאַפּטן אין דער קאַנווע פון זיין זוניקן פּאָעטישן געוועב אַזעלכע עלעגישע, אומעטיקע

סטראָפן? ווו קומט צו דעם צעזונגענעם, לעבנסלוסטיקן, המשורר השובב — דער דיכטער פון „בגבולות ליטא", וואָס זינגט אַזוי מתיקותדיק וועגן אונדזערע שבתדיקע שטראַלנדיקע יידישע מיידלעך —

„אויפן שאָסיי אין די אַלייען,
מיידלעך יידישע שפּאַצירן, —
שלאַנקע כאָפּנעס, רויטע רויזן
טעכטער יידישע שעמערירן."

אַזעלכע אומעטיקע טרויעריקע שורות?

וואָס האָט געווירקט אויף דעם צאַרטן שפּילעוודיקן יצחק, אויף דעם ילד שעשועים, ער זאָל שרייבן זיין עלעגיע:

„מכל חמודות היו לי
רק לבי, לבי נשאר לי."

צי איז טאַקע דעם ענערגישן אַקטיוון בויער און קעמפער פון דער מאָדערנער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור און קולטור, דעם גלויביקן פון יידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה, נישט געבליבן מער אין דעם יידישן וועלטל ווי זיין צעווייטיקט האַרץ?

און פאַרוואָס יאָמערט עפּעס אַזוי ביטער דער זיסער ראָמאַנטישער נאַכטיגאַל וועגן דעם טויט פון אַ יונג שיין מיידעלע, אין וועמען ער איז געווען פאַרליבט, און וויינט נעבן איר איינזאַמען קבר —

„על גבשוש בודד בקבר צר
שכבה לה ילדתי כבר."

מיר האָבן תמיד געמיינט, אַז דאָס זענען דיכטערישע שטימונגען, אומעטיקע פאַנטאַזיעס, וואָס געהערן צום ליטעראַרישן קלאַפּערגעצייג פון פּאָעטישע פאַרשידנאַרטיקייטן און פילפאַרביקייט, וואָס איז דער סימן מובהק ביי די גרויסע דיכטער.

קומט אָבער איצט יצחקס שוועסטער, צפורה נאַכומאָוו מיט איר אינטערעסאַנטן בוך און גיט אונדז דעם שליסל מיט אַלע זעלישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געווירקט אויף יצחקס סענטימענטאַלן כאַראַקטער. מיר ווערן איצט געוווּיר אַז אַלע זיינע טיף פּאָעטישע עלעגיעס זענען נישט געווען קיין סתם קאַפּריזנע, פּעסימיסטישע שטימונגען, נייערט אמתע,ווירקלעכע איבערלעבונגען, וועלכע האָבן שטאַרק געווירקט אויף זיין גייסטיקן מהות.

אין בוך איז פאַראַן אַ ווונדערבאַרע באַשרייבונג וועגן יצחקס יוגנטליבעס, זיינע ערשטע געליבטע: פרעכטיק-שיינע מיידלעך האָבן געטראָגן דעם זעלבן נאָמען: — אסתר.

די ערשטע געליבטע איז אַלט געווען פערצן יאָר, געשפּילט אין יצחקס דראַמקרייז־טעאַטער. יצחק האָט איר זייער ליב געהאַט. ביידע אסתרס זענען געשטאָרבן. יצחק איז געזעסן נעבן זייערע בעטן ווען זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות. זיי זענען געווען די גורמים פון זיינע עלעגיעס, וועלכע אונדזער יוגנט האָט געזונגען אין דעם באַגינען פון יידישער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס, אין דעם אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט.

דאָס בוך האָט אַן אַלגעמיינעם קולטור־ווערט, אַ צושטייער צו דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום. עס שפּיגלט אָפּ דאָס גאַנצע שעפערישע לעבן, דעם געראַנגל פון אידייען און באַוועגונגען, דעם אויפקום פון דער יידישער העברעאישער ליטעראַטור און זייערע טרעגער און בויער אין די לעצטע פופציק יאָר.

צפּורה נעמט איר גרויסן ברודער אַן פּאַר זיין קינדעריש הענטל, מאַכט מיט אים אַ שפּאַציר, פירט אים דורך איבער אַלע יידישע שליאַכן, פון זיין געבורט־שטעטל קאַרעליטש, וואָס ליגט אַרומגערינגלט מיט צעגרינטע ווייך־פּלושענע לאָנקעס און סאָסנעוועלדער ווו חברה יונגען מיט מיידן קומען לייענען ביכער און פאַרברענגען. אָט דאָרטן אין שטעטל באַקומט ער זיין ערשטע דערציאונג, צווישן אַלטע איינגעזעסענע יידישע דורות: לומדים, קנאים און משכילים מיט גאווה (יצחקס טאַטע איז געווען ר' יעקב בנימין, אַ מיטאַרבעטער אין העברעאישן „האשכול"), — אַ גזע פון תלמידי־חכמים און אויך די קאָנטו-רן, דער אָנהייב פון די נייע אויפגעוואַכטע סאָציאַלע קולטור־כוחות וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן און אויפגעשטאַנען צום לעבן אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע.

דער אויפקום פון ביבליאָטעקן און דראַמקרייזן, פּועלי־ציוניסטישע, בונדיסטישע גרופּן וואָס פאַרמעסטן זיך נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַראָפּצוּוואַרפן דעם קיסר. אָט די נייע ווינטן בלאָזן אויך אין דעם אַלטן רעליגיעזן יידישן שטעטל קאַרעליטש. אַפילו יצחקס מאַמע, הינדע דאַווידזאָן, ר' יצחק־יחיאל דעם רבס טאָכטער, ווערט אויך מיטגעריסן מיט די נייע חברה, גייט אין שטעטל זען ווי אַזוי מען שפּילט יידיש טעאַטער. פון דעם קליינעם שטעטל שפּאַצירט צפּורה מיט איר יצחקן אין דער אויפקומענדיקער גרויסער אינדוסטריאַליזירטער שטאָט לאָדזש. צווישן פאַבריקן און קוימענס, אַרבעטער־שטרייקן און סאָציאַלע קאַמפן, אין וועלכע די יידישע מאַסן נעמען אַן אַקטיוון אנטייל...

יצחק קאַצענעלסאָן איז אין בוך דער אַקס אַרום וועמען עס דרייט זיך דאָס אומגעקומענע פולבלוטיק פאַרבנרייך יידיש לעבן. ער איז דער אַקס אויף וועלכן עס שלעפּט זיך אויף די זאַמדיקע בלאָטיקע וועגן אונדזער יידיש וועגעלע, פאַרלאַדעוועט מיט אונדזער ביסל טייער האַרציק „דאָברע מזל", מיט אונדזערע ליטעראַרישע באַטעמטע שאר ירקות, באַווירצט מיט לידער און ניגונים, מיט מגידות און טעאַטער, מיט מתיקות-

דיקע ראַזשינקעס און מאַנדלען, אונ־
דזער מחיהדיקע שבת־אויבס, אויפ-
געוואַקסן און שמעקעדיק געבליט,
אויף אונדזערע שטאַרקע שטאַמען,
על נהרות פוילן, וועלכע דער שונא
האָט אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל, —
לעולם ועד.

ציפורה נאַכומאָוו פירט אויך פאַר
אונדז דורך זייער אינטערעסאַנטע
ליטעראַרישע „סטאַטיסטן", וועלכע
נעמען אַ בכבודיקן אנטייל אין דער
דראַמאַטישער טראַגעדיע „יצחק קאַ־
צענעלסאָן", הגם אַלע שרייבער זע-
נען פאַר אונדז שוין באַקאַנט, דער-
שיינען זיי אין אַ גאַנץ נייעם ליכט.
מיר זעען יואל מאַסטבוים, ז. סעגאַ-
לאָוויטש, ספּעקטאָר, דער אייגנאַרטי־
קער פּאָעטישער דלפן הערשעלע און
דעם גרויסן יידישן שרייבער זלמן
שניאור אַ גאַנץ אַנדערן, ווי מאַנכע
יידישע שרייבער זענען אים געוווינט
צו צייכענען. אָט אַ שטייגער אין דעם
בוך פון דעם קדוש אלחנן צייטלין
„אין אַ ליטעראַרישער שטוב", שיל־
דערט ער שניאורן ווי אַ בייזן, אַ
שלעכטן, קען נישט זען ווען קינדער
שפּילן זיך. צפורה שילדערט אים
פּונקט פאַרקערט, — אַ מענטש וואָס
פלעגט מאַכן פריילעך, זיך שפּילן מיט
די קינדער, מאַכן פאַרשידענע לוס-
טיקע קונצן. אויך דער פאַל וואָס י.
ל. פּרץ האָט זיך באַמיט אין וואַר-
שע צווישן די יידישע שרייבער אין
געווירקט אויף דוד פרישמאַן, מ'זאָל
געבן יצחקס מאַמע, וועלכע איז ספּע־
ציעל געקומען צופאָרן פון לאָדזש
קיין וואַרשע — צוויי טויזנט רובל,
כדי מען זאָל יצחקן באַפרייען פון
מיליטער, איז אַ וויכטיקער צושטייער
צו דער פּערזענלעכקייט י. ל. פּרץ
און זיין באַציאונג צו יצחקן, און
בעיקר צו יונגע יידישע שרייבער אין
יענער צייט.

ס. נוטקעוויטש שרייבט אין זיין אַרטיקל „ס'בוך וועגן גע־
שענדטן מענטשן" וועגן מרדכי שטריגלערס „מאַידאַנעק" („דער וועק־
קער", ניו־יאָרק, 1טער יוני 1948):

ווען די דייטשע מאָרד-לאַגערן זע־
נען אַריינגעפאַלן צום סוף פון דער
מלחמה אין די הענט פון די עלאַים,
איז מרדכי שטריגלער געווען דער
ערשטער, וואָס האָט געמאַכט אויפ־
ציטערן די יידישע וועלט מיט זיינע
שילדערונגען וועגן לעבן און אומקום
אין די לאַגערן.

און שוין דעמאָלט, מיט דריי יאָר
צוריק, האָט שטריגלערן פאַרפאָלגט
דער געדאַנק, אַז „די וועלט, אַפילו
די יידישע וועלט, ווייסט נאָך גאָר־
נישט פון דעם, וואָס עס איז פאָרגע-
קומען." און נאָך מער, ער אַליין
גלויבט נישט, אַז ס'איז דאָ עמיצער,
וועלכער זאָל טאַקע אויף אַן אמת אי-
בערגעבן אַלץ, וואָס עס איז געווען,
וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט די
יידן אין די דייטשע מאָרד-פאַבריקן.

„מאַידאַנעק" איז אַ פּרווו פון
שטריגלערן איבערצוגעבן ווי אַזוי די
יידן האָבן געלעבט, געליטן, געהאָפט

און אומגעקומען אין איינעם פון די לאַגערן, וועלכער האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער אַמאָל יידישער שטאָט לובלין. אין מאַידאַנעק זענען אומגעקומען בײ אַ ג ד ע ר ט-ה אַ ל ב ן מ י ל י אָ ן מ ע נ-ט ש ן, מייסטנס יידן. דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע לאַגערן, וועלכע זענען באַלד בײ זייער אַנטשטייאונג פאַרטראַכט געוואָרן אַלס אומקום-פּלאַץ פאַר די פּוילישע יידן.

אין פאָדערגרונט פון דער באַשרייבונג רוקט מ. שטריגלער אַרויס דעם הונגער און פיזישע לײַדן, וואָס זענען מיט דײַטשער מערדערישער פּינקטלעכקייט פאַרטראַכט געוואָרן צו באַטויבן דעם מענטש, כדי אים שפּעטער צוגעוווינען צו טאָג-טעגלעכער שענדונג. הונגער, דער חלום וועגן אַ שטיקל ברויט, וועגן אַ מינוט רו, האָט פאַרנומען דעם גאַנצן „איך" בײם מענטשן. אָפּטמאָל ווילט זיך דעם שרײַבער אַליין נישט גלויבן, אַז דאָס איבערגעלעבטע איז גאָר מעגלעך געווען...

אַ טיפער אָפּגרונט מיט שמוציקן שוים אויף די ראַנדן איז געווען צוגעגרייט פאַר אַלע וואָס זענען אין מאַידאַנעק אָנגעקומען. פאַרקויפּטע ברואים ליגן אויפן קאַרק פון די שקלאַפן, רויבן בײ זיי צו דעם איינציקן לעפל זופּ, דאָס איינציקע רעשטל פון אַ פּיצעלע ברויט.

שלאָגן, פּײַניקן, טויטן, דערטרינקען אין אַ פאַס וואַסער, הענגען אויף רימענס, דאָס איז אַ נאָרמאַלע טאָגדערשיינונג אין לעבן פון מאַידאַנעק. פאַרקערט, אויב ס'האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ שעה אָן די געשעענישן איז מען אומרואיק געוואָרן, אַז עפּעס נאָך שרעקלעכערס וועט פאָרקומען.

ווו איז אַהינגעקומען דער מענטש? דער פּשוטער מענטש? שטריגלער האָט אים אין זײַן לאַנגן לאַגער-לעבן קיינמאָל און אין ערגעץ נישט געפונען. אויף 235 זײַטן פון דעם ערשטן בוך ,מאַידאַנעק" ווערט געשילדערט נאָר איין אינזשעניער, וועלכער האָט געזאָלט זײַן אַ פּאָליאַק (שטריגלער גיט אָבער אָנדייטונגען, אַז ער זאָל האָבן געווען אַ ייד) וועלכער האָט אַוועקגעקוקט, נישט געקענט קוקן די שקלאַפן אין די אויגן און דאָס איז גענוג געווען, אַז ער זאָל ווערן ממש פאַרגעטערט בײ די לאַגערניקעס, אַלס מענטש...

נישט געווען קיין איין דײַטש, אַפילו נישט צווישן די פּאָליטישפאַרשיקטע, ד. ה. צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, וועלכע זאָלן

באָטש איינמאָל געווען זיך אַרויסגעוויזן מיט פּשוטער מענטשלעכקייט, מיט מיטלייד, מיט... נישט קענען קוקן אין די אויגן די געפּייניקטע.

פאַרקערט, די דייטשע פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען געווען אָפּטמאָל שרעקלעכער און איינער אַ פּאָליטישפאַראורטיילטער פון ווין האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דערשטיקן יידן אָדער זיי דערטרינקען אין אַ פאַס וואַסער.

אַ באַזונדער קאַפּיטל ווידמעט מ. שטריגלער צו די יידישע קינדער אין לאַגער. די נאַציס האָבן איינצלנע יידישע קינדער פאַרדאָרבן, פאַרסמט מיט מכלומרשטע פּריווילעגיעס און מיט מאַכט איבער די דערוואַקסענע. מיר טרעפן דאָ אָבער סימפּאַטישע שטריכן ביי קינדער, וועלכע האָבן פיל אַרויסגעהאָלפן זייערע עלטערן און סתם יידן מיט טאָג-טעגלעכע טובות, שטעלנדיק אין סכנה זייער אייגן לעבן.

שרעקלעך איז אָבער דער פאַל מיט אַ 12 יאָריקן יינגל, וועלכער איז געבראַכט געוואָרן אין לאַגער צוזאַמען מיט זיין טאַטע-מאַמע. מען האָט דאָס יינגל פאַרדאָרבן, דעמאָראַליזירט, פאַרטויבט, און אויפן דריטן טאָג פון זיין זיין אין מאַידאַנעק, האָט מען אים געצוואונגען ער זאָל פאַרלייגן אַ שטריק אויף די העלדזער פון אייגענע טאַטע-מאַמע.

ווי קען מען אויסרעכענען אין אַן אַרטיקל באָטש אַ טייל פון יענע גיהנום-סצענעס אין מאַידאַנעק? ווי קען מען איבערדערציילן שטריגלערס איבערלעבונגען פון אַ פּ אָ ר מ י נ ו ט זיין אין די גאַז-צימערן פון מאַידאַנעק?

מ. שטריגלערס בוך לאָזט זיך נישט „אָפּשאַצן" מיט די געוויינלעכע ליטעראַרישע מאָסן פון טעמאַטיק, שפּראַך, סטיל. שטריגלערס בוך איז אַ געוואַלטזאַמע באַשולדיקונג קעגן דייטשן, רופט אַרויס צווייפלען וועגן דורות קולטור-שאַפונגען און קולטור-דערגרייכונגען.

שטריגלערס בוך מאַכט אויפטרייסלען יעדן געפיל אונדזערן און די, ביי וועמען עס איז געבליבן דער גלויבן, אַז אונדזער מענטשהייט איז נאָך נישט פאַראורטיילט אויף אונטערגאַנג און דעגענעראַציע, וועט פון דעם בוך אַרויסציען אַ מוסר-השכל, אַז אין גאַנצן נייע וועגן דאַרף מען זוכן צו היילן און אויפהאַלטן דעם מענטש.

:: :: ::

אין ביבליאָטעק, וווּ איך האָב גענומען דאָס בוך, האָט מיר די ביבליאָטעקאַרין געזאָגט: „דאָס בוך האָבן מיר שוין 6 מאָנאַטן און איר זענט דער דריטער, וואָס לייענט עס. יידן זאָגן מיר, אַז זיי האָבן נישט קיין נערוון"...

טראַגישער גורל פון אונדזער פאַרפּייניקט פאָלק! מען האָט נישט קיין נערוון צו לייענען און איבערליידן זיין אומקום...